STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11081

UNZER ALVELTLEKHE ARMEY

V. Lir

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[327.3:331.3=924]

שול און פּיאָנערן-ביבליאָטעק

וו. ליר

אונזער אלוועלטלעכע ארמיי

№ 16

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע“
קיעוו—1926

קיעווער שול פון פאליגראפישער
אינדוסטריע אין נאמען פון
ל. באלאבאנאוו.
באַשט. 843—3000 עקז.
אָקרליט № 16351

ערשטער שמועס

דער אנהייב פון דער קינדער־באוועגונג

פיר יאָר שוין אַז ס'אַרבעטן בײַ אונז די קינדערשע קאָמוניסטישע גרופּעס פון יונגע פּיאָנערן אין נאָמען פון לעניִנען.

אַזעלכע גרופּעס אַרבעטן אויך אין דײַטשלאַנד, אין איינגלאַנד, אין אַמעריקע, — אַף דער גאַנצער וועלט. זיי ווילן אופּטון דאָס זעלבע, וואָס אונזערע פּיאָנערן־גרופּעס — צוגרייטן זיך צום קאַמף פאַר קאָמוניזם, צוגרייטן זיך צו פאַרבייטן די קאָמיוגיסטן און קאָמוניסטן.

די קינדערשע קאָמוניסטישע גרופּעס פאַרייניקן אומעטום די קינדער פון די אַרבעטער. די עלטערע, די דערוואקסענע אַרבעטער, פאַרייניקן זיך אין קאָמוניסטישע פאַרטייען, די יוגנט — אין קאָמיוג, די אַרבעטער־קינדער פון גאָר דער וועלט שאַפן זייערע קאָמוניסטישע גרופּעס.

מיט דער אַרבעט פון די בּרידער און כאַוויירים אין אַנדערע לענדער דאַרף זיין בּאַקאַנט יעדער פּיאָנער.

ווי אַזוי לעבן די ארבעטער-קינדער אין מאַירעוו-אייראָפּע?

שווער איז דאָס לעבן פון די אַרבעטער און זייערע קינדער אין יענע לענדער, וואו ס׳געוועלטיקט די בּורזשואַזיע. די קינדערשע יאָרן פאַרבּריינגט מען אין נויט, אין קעלט און אין הונגער. דער אַרבעטער וואוינט אין אַן איינג שמוציק צימערל. עסן עסט מען קנאפּ. דער טאַטע, די מאַמע, די עלטערע בּרידער און שוועסטער זיינען פון אינדערפרי בּיז אָפּדערנאַכט פאַרנומען בּאַ דער אַרבעט, די קינדער בּלייבּן איינינק־אַליין אַ גאַנצן טאָג. קיינער גיט ניט אַכטונג אָף זייער דערציאונג. בּלייבּט זיי נאָר איינס — אַוועקגיין אין גאַס אַריין. נאָר די גאַס גיט אויך זייער ווייניק פאַרגעניגנס. אין די גערטנער לאָזט מען, געוויינטלעך, די אַרבעטער־קינדער ניט אַריין, — דאָרט שפּאַצירן מיט זייערע אַמען און לערער די אויסגעפּוצטע בּורזשואַזע קינדער. די אַרבעטער־קינדער גייען אַרום אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, אייבּיק הונגעריק.

פון 12 יאָר אָן, אַמאָל נאָך פריער אַפילע, גייט שוין די מערהייט אַרבעטער־קינדער אַוועק אַרבּעטן. דידאָזיקע אַרבּעט איז הוילע פּיין. ציען ציט זי זיך, די אַרבעט, אַ גאַנצן טאָג און זויגט אויס די לעצטע

קויכעס. דערײַבער איז צווישן די אַרבעטער־קינדער אין מאַירעוו־אײַראָפּע זייער שווער צו געפינען אינ־גאַנצן־געזונטע קינדער. אין דײַטשלאַנד, צום בײַ־שפּיל, האָט זיך אין עטלעכע ערטער ארויסגעוויזן, אַז פון 100 קינדער זײַנען 94—קראַנקע. פאַר זייער ארבעט באַקומען די קינדער גראָשנס און סע קלעקט אפילו אף קיין עסן ניט,—הונגערן זיי, די ארבע־טער־קינדער.

די בורזשואַזע שול

קימאַט אַלע קינדער באַזוכן עטלעכע יאָר די שול. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ שול און וואָס גיט זי?

די בורזשואַזיע באַמיט זיך דורך דער שול צו מאַכן פון אַלע קינדער אונטערטעניקע קנעכט. צוליב דעם כאַזערן די לערער אַלע טאָג איין מיט די קינ־דער, אַז מע דאַרף האָבן דערעכערעך פאַר רײַכקייט און פאַר נעגידים, אַז מע דאַרף באַשיצן די קייסאָרים, פאָלגן די גענעראַלן. אין אַלע לענדער לערנט מען די קינדער בלויז אָט די זאַכן. אין אַלע לערנביכער לויבט מען די רײַכקייט, די מעלאָכים, די מיליטער־אָנפירער — די „העלדן“.

אין דער מערהייט לענדער פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין שול דער לימוד פון רעליגיע. מע צווינגט די קינדער אויסצוכאַזערן טפילעס, קאָלערליי ניט גע־שטויגענע, ניט געפלויגענע מאַיסעס וועגן ניסים און מויפסים. דערבײַ טאַינעט מען ווידער איין, אַז מע

דאַרף מוירע האָבן פאַר גאָט און דערעכערעץ האָבן פאַר דער מאַכט און פאַר די גווירים.

די שול נעמט אָן אַלע מיטלען, אַז די קינדער זאָלן ווערן קנעכט פונם קאַפּיטאַל.

אויב די קינדער פּרוּאווען זיך שפּאַרן מיטן לערער — באַשטראָפט מען זיי אַכזאָריעסדיק. ביז היינטיקן טאָג באַשטראָפט מען אין דייטשלאַנד און אין אנדערע לענדער די שילער מיט קאַנטשיקעס און מיט דער ווירע. פּעטש קלינגען אויך גאַנץ אָפט אין קלאַס. אין דייטשלאַנד איז שווער צו געפינען אַ לערער, וואָס זאָל ניט שלאָגן עטלעכע טאַלמידים אין מעשעך פון שול־טאָג.

אָט אַזוי לערנען זיך די אַרבעטער־קינדער.

די טאַטעס קעמפן

די קינדער שפּירן נאָך און זעען, ווי זייערע טאַטעס און ברידער קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן, פירן דורך שטרייקן, פאַרייניקן זיך אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס.

נאָך דער וועלט־מילכאָמע פון 1918—1914 איז דאָס לעבן פון די ארבעטער גאָר שלעכט געוואָרן. אין דערזעלבער צייט אבער האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט דער רעוואָלוציאָנערער קאמף. אין אַ גאַנצער ריי מעלוכעס זיינען פאָרגעקומען שלאַכטן צווישן די אַרבעטער און דער בורזשואַזיע.

די קינדער האבן אליין געזען און האבן גע־שטרעבט אליין אויך צו נעמען א וועלכן ס'ניט איז אנ־

טייל אינם קאמף פאר א נייעם לעבן. די קינדער האבן זיך געמיט ווי ס'ניט איז צו פארבעסערן אויך די אייגענע לאַגע.

די טאַטעס קעמפן מיט די בורזשויען, און דער לערער אין שול צווינגט לויבן אָט די בורזשויען, וואס דריקן די ארבעטער. דארף מען, הייסט עס, קעמפן אויך מיט די לערער, וואס דינען דער בורזשואזיע.

די קינדער האבן געשטרעבט צו קאמף, צו אָרגאַניזאַציע.

אָבער בעאייס די רעוואלוציאנערע שלאכטן האט ניט די פארטיי, ניט דער קאָמיוג ניט געקאנט פארנעמען זיך מיטן ארגאניזירן די קינדער, כאָטש קלאָר איז געווען, ווי אומבאדינגט נייטיק סע איז.

אָרגאניזאציע פון קינדער-גרופעס

אין 1920־טן יאָר, ווען דער קאמף האָט זיך אביסל איינגעשטילט און די לאגע פון די ארבעטער איז נאָך ערגער געוואַרן, האט זיך דער קאָמיוג גענומען אָרגאניזירן קינדערשע קאָמוניסטישע גרופעס. די ערשטע גרופעס האבן זיך באוויזן אין דייטשלאנד, וואו ס'האָט זיך אמערגסטן געלעבט די ארבעטער־קינדער.

עמעס, קינדער־אָרגאַניזאציעס האבן זיך געשאפן אביסל פריער אויך אין איטאליע, שווייץ און אנדערע לענדער. זיי האָבן אָבער געארבעט זייער שוואך, האבן אפילע ניט געקאנט אָרגאַניזירן זיך ווי ס'דארף צו זיין. מע קאן רעכענען, אז די עמעסע קינדער־בא־

ווענונג האט זיך אנגעהויבן אין 1920־טן יאָר אין דייטשלאנד, און פונדאָרט האָט זי זיך איבערגעוואָרפן אין אנדערע לענדער.

אומעטום פירן די קינדער־גרופעס אַ קאַמף פאַר א בעסערן לעבן, פאר קאָמוניזם, און העלפן מיט די עלטערע. אומעטום באמיט זיך די בורזשואזיע שטערן די קינדער אין זייער ארבעט. בלויז אין די ראטן־רע־פובליקן, וואו די מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון די ארבעטער, ארבעטן די פּיאָנערן פראַנק־און פריי.

צווייטער שמועס

אונזער אלוועלטלעכע ארמיי

איבער דער גאַנצער וועלט האט זיך איצט פאר־שפרייט די קאָמוניסטישע קינדער־באוועגונג. די קאָ־מוניסטישע קינדער־גרופּעס זיינען אָרגאניזירט קימאַט אין אלע לענדער.

פאַרשטייט זיך, אמשטארקסטן איז אַנטוויקלט די קינדער־באוועגונג בא אונז, אין פאַרבאַנד פון ראטן־רעפּובליקן. אין אלע ראַטן־רעפּובליקן געפינט זיך אנערעך 1.500.000 יונגע פּיאָנערן.

אָבער אויך אין אנדערע לענדער, ניט קוקנדיק אַף די פארפאָלגונגען פון דער בורזשואזיע, אנטוויקלט זיך גוט די קינדער־באַוועגונג.

אין דייטשלאנד האבן זיך די ערשטע קאָמוניס־טישע קינדער־גרופּעס אָנגעהויבן צו אָרגאניזירן אין 1920־טן יאָר. אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיוג זיינען זיי שנעל געוואקסן און זייער ארבעט איז גע־גאנגען מיט גרויס דערפאָלג. די קינדער־גרופּעס קומט די גאַנצע צייט אויס צו פירן אַ קאמף מיט דער פּאָליציי און מיט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע לערער.

אין הארבסט 1923־טן יאָר אין שוין אין דייטש־לאַנד אין די קאָמוניסטישע גרופּעס געווען אַנערעך 35.000 מיטגלידער. נאָר פונקט אין אָט דער צייט האָט די רעגירונג געפירט אַן אָנראַכמאָנעסדיקן קאַמף מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַלע קאָמוניסטישע אָר־גאַניזאַציעס האָט מען צעטריבן; די קאָמוניסטן האָט מען אַריינגעשליידערט אין די טורמעס. די קינדער־גרופּעס האָבן אויך געמוזט אַרבעטן אין אונטערערד. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, שטאַרק געשטערט דער אַרבעט. ווען אין אָנהייב 1924־טן יאָר זיינען די קינדער־גרופּעס אַרויס פון אונטערערד, האָבן זיי פאַרמאָגט בעסאַכאַקל אַרום 9.000 מיטגלידער.

אין האַרבסט 1924־טן יאָר איז אין דער שטאָט ווייסנפעלז פאָרגעקומען דער 3־ער אַלדייטשלענדי־שער צוזאַמענפאָר פון די קאָמוניסטישע קינדער־גרו־פּעס. אויף דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר איז באַשלאָסן גע־וואָרן אַלע קינדער־גרופּעס צו פאַראייניקן אין איין „פאַר־באַנד פון יונגע ספּאַרטאַקעס". זינט דעם צוזאַמענפאָר אַרבעטן זיי זייער גוט, די פּיאָנערן פון פונעם פאַרבאַנד פון יונגע ספּאַרטאַקער (זיי רופן זיך אָן סיי פּיאָנערן, סיי ספּאַרטאַקער). אַסאַך אויפמערקזאַמקייט שיינקט דער פאַרבאַנד דער אַרבעט אין שול, דעם אָרגאַניזירן דאָרטן די קינדער און דעם קאַמף מיט די לערער— די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. אין די שולן ווערן גע־שאַפן שול־קעמערלעך. די צאָל מיטגלידער אין די קינדער־גרופּעס פון דייטשלאַנד האָט שוין דערגרייכט ביז 16.000 אין האַלט אין איין פאַרגרעסערן זיך.

אין דייטשלאַנד דערשיינט א זשורנאַל „יונג ספּאַר־טאקוס" (פריער האָט ער געהייסן „דער יונגע גענאָ־סע",—„דער יונגער כאוועה"). דאָס איז דער עלטסטער און איינער פון די בעסטע פּיאָנערישע זשורנאלן. פאר־שפרייט ווערט ער דורך די דייטשישע פּיאָנערן זייער גוט

אין א י נ ג ל אַ נ ד געפינט זיך אין די קאָמוניסטישע גרופּעס אנערעך 3.000 מיטגלידער. אין מעשעך פון איין יאָר האָבן זיי זיך פארגרעסערט אין זעקס מאָל. לויט זייער ארבעט זיינען די איינגלישע גרופּעס—איינע פון די בעסטע אף דער גאנצער וועלט. גוט איז איינגעשטעלט זייער פארבינדונג מיטן קאָמיוג. די פּיאָנערן העלפן דעם קאָמיוג און דער פּאַרטיי דורכפירן פארשיידענע קאָמפּאַניעס, א גרויסע ארבעט פירן זיי דורך אין די שולן.

אָנגעהויבן צו אָרגאניזירן זיך האָבן די איינגלישע גרופּעס סאָף 1922־טן יאָר. איצט גיבן זיי ארויס א פּיאָנערישן זשורנאל „יונגער כאוועה" (צעגייט זיך אין פיר טויזנט עקזעמפּלאַרן).

אין ט ש ע כ א־ס ל א וו י ע ן זיינען די קינדער־גרו־פּעס שוין פונלאנג אָרגאניזירט. אין 1924־טן יאָר האָבן זיי געהאַט אנערעך 5.000 מיטגלידער. אָבער ביז היינט נאָך איז דאָרט ניט געלייזט געוואָרן די פראגע וועגן דעם, ווער סע דארף אָנפירן מיט דידאָזיקע גרופּעס. דעריבער שטייט א טייל גרופּעס לעבן קאָמיוג, די איבעריקע ארבעטן אונטער דער אָנפירונג פון די ארבעטערשע ספּאָרט־געזעלשאפטן. דאָס שטערט דער אנטוויקלונג פון דער ארבעט. כוצדעם, האָט די רע־

גירונג פארבאָטן די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּעס צו ארבעטן

אין פינלאַנד זיינען די קינדער־גרופּעס פארייניקט אין „פארבאנד פון אָרגאניזירטע ארבעטער־קינדער“, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך אין 1920־טן יאָר. אין פארבאנד גייען אריין 90 גרופּעס מיט 9.000 מיטגלידער. די גרופּעס און דער גאנצער פארבאַנד ארבעטן אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיוג. די פּאָליציי רוידעפט די קינדער־גרופּעס, נאָר פונדעסטוועגן גייט בא זיי די ארבעט גאַנץ גוט. ס׳דערשיינט א זשורנאל „רויטע פאָן“. א צייט איז דער זשורנאל געווען פארמאַכט דורך דער פּאָליציי, נאָר דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן דערשיינען.

אין פראנקרייך האָבן די קאָמוניסטישע גרופּעס 3.000 מיטגלידער, נאָר זיי ארבעטן שוואַך. דער קאָמיוג גיט נאָך ווייניק אכטונג אף דער קינדער־באוועגונג. אין די קינדער גרופּעס פארנעמט מען זיך ס׳ראָוו מיט געזאנג, מוזיק, שפּאַצירן און דאָס גלייכן. די לעצטע צייט קומען אָן יעדייעס, אז די פראנצויזישע פּיאָנערן הייבן אָן אָנטייל צו נעמען אין די דעמאָנסטראציעס.

אין איטאליע האָבן זיך די קינדער־גרופּעס באוויזן אמפריסטן. אין 1923־טן יאָר האָבן זיי פארמאָגט 4.000 מיטגלידער. אָבער די פאשיסטן האָבן זיך באמיט כּאָרעוו צו מאכן די קינדער־גרופּעס. איצט זעט דער קאָמיוג, אז די ארבעט זייערע זאָל ווידער אופלעבן.

אין שוועדן פאַרייניקן די קינדער־גרופּעס ארום 1.500 קינדער. די צאָל מיטגלידער איז אַפּילע פאַר־קלענערט געוואָרן דאס לעצטע יאָר, ווייל די אַרבעט פון די קינדער־גרופּעס פירט זיך, פּונקט ווי אין פראַנקרייך, ניט ריכטיק: זיי נעמען ניט קיין אַנטייל אינם אַרבעטער־קאַמף, זיי פאַרנעמען זיך בלויז מיט בילדונגס־אַרבעט. סע דערשיינט אַ זשורנאַל „יונגער כאַוועה", וואָס צעגייט זיך אין 2.000 עקזעמפּלאַרן.

אין נאָרוועגיע איז סאָף 1923 יאר געווען 6.000 פּיאָנערן. דערנאָך איז דאָרט פאָרגעקומען א שפּאל־טונג אין דער פּאַרטיי און אין דעם קאָמיוג: א טייל מיטגלידער זיינען אַוועק. אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיוג זיינען פאַרבליבן 2.500 פּיאָנערן. היינט האָט זיך דידאָזיקע צאָל פאַרגרעסערט און אין נאָרוועגיע געפינט זיך היינט 5.000 פּיאָנערן, וואָס זיינען פאַראייניקט אין 50 גרופּעס. די גרופּעס אַרבעטן וואויל, פירן אַ שטארקע אַגיטאַציע פארן קאמוניזם, אָרדענען איין מיטינגען, דעמאָנסטראציעס. זייער פּי־אָנערן־זשורנאַל צעגייט זיך אין 10.000 עקזעמ־פּלאַרן.

אין באָלגאַריע האָט זיך די קינדער־באַוועגונג אָנגעהויבן אין 1921־טן יאָר. אין 1922־טן יאָר איז שוין דאָרט געווען 50 גרופּעס, 5.000 מיטגלידער. די רעגירונג האָט די גאַנצע צייט פאַרפאָלגט די אַרבעט פון די קינדער־גרופּעס, סע פלעג זיי אָפט אויסקומען אוועקצוגיין אין אונטערערד. זייער זשורנאַל „דרו־קאַרטשע" (יונגער כאַוועה) האָט מען פאַרמאַכט. אין

1923 יאָר איז אין באָלגאַריע פּאָרגעקומען אַ פּויע־רים־אופשטאַנד. נאָך אט דעם אופשטאַנד זײנען אַלע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס צעשטערט געװאָרן. די ארבעט פון די קינדער־גרופּעס האָט זיך אָפּגעשטעלט. הײנט אַרבעטן זײ אין געצײלטע ערטער אין אונ־טערערד.

אין עסטלאַנד זײנען ערשט ניט לאַנג געװען פיר גרופּעס, װאָס האָבן פאַרײניקט 360 קינדער. ס׳איז דערשינען אַ זשורנאַל „אונזערע קינדער״. נאָר נאָכן אַרבעטער־אופשטאַנד אין דעקאַבר 1924 יאָר, װען די רעגירונג האָט אין די הונדערטער צעשאָסן קאָמוניסטן, איז די אַרבעט פון די קינדער־גרופּעס צעשטערט געװאָרן. הײנט איז די קינדער־באַװעגונג אין עסטלאַנד קימאַט אינגאַנצן דערשטיקט.

אין עסטרײך געפינען זיך קינדערשע קאָמוניס־טישע גרופּעס בלויז אין דער הויפּטשטאָט,—אין װין. ארגאַניזירט זײנען דאָרט 300 קינדער. די רעדיפּעס פון דער רעגירונג לאָזן ניט אנטװיקלען די אַרבעט.

אין דער שװײץ זײנען 800 קינדער פאַרײניקט אין 10 קאָמוניסטישע גרופּעס. די אַרבעט איז דאָרט שװאַך אװעקגעשטעלט.

אין דענעמאַרק האָבן די פּיאָנערן זיך אנגע־הויבן אָרגאַניזירן ערשט ניט לאנג. קײן פּינקטלעכע ידיעס װעגן זײער צאָל איז ניט פאַראַן. באַװאוסט איז נאָר, אז אין דער הויפּטשטאָט פון דענעמאַרק—קאָפּענהאַגן—איז פאַראַן 75 פּיאָנערן. ס׳האָט דאָרט אָנגעהויבן דערשײנען אַ זשורנאַל „פּיאָנער״.

אין האָלאנד הייבט אויך אָן די קינדער־באַוועגונג ערשט צו באַווייזן זיך. היינט איז דאָרט פאַראַן 8 גרופּעס, וואָס ציילן אָן 400 פּיאָנערן.

מיר האָבן אויסגערעכנט די מעלוכעס פון אייראָפּע, וואָס פאַרמאָגן אַ קינדער־באַוועגונג. אָט די באַוועגונג אַנטוויקלט זיך ניט בלויז אין אייראָפּע, זי איז אַריינגעדרונגען אויך אין די לענדער פון אַמעריקע און אַזיע.

אין אַמעריקע (אין די צפון־אַמעריקאַנישע פּאַראייניקטע שטאַטן) טראָגן די קינדערשע קאָמוניסטישע גרופּעס דעם נאָמען „סעקציעס פון יונגסטע באַם אַמעריקאַנער יוגנט־פאַרבאַנד" (ד. ה. באַם קאָמיוג). די קינדער־גרופּעס זיינען דאָרט שנעל אויסגעוואַקסן און פאַרמאָגן היינט 4.000 מיטגלידער. ס'ווערט אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „יונגער כאַווער". די אַרבעט גייט זייער גוט. די אַרבעטער־גרופּעס פירן דורך אַן אַרבעט אין שול, העלפן דער פּאַרטיי און דעם קאָמיוג אין דער צייט פון קאַמפּאַניעס, פירן דורך זייערע אייגענע קאַמפּאַניעס קעגן דער קינדער־עקספּלואַטאַציע אויף די זאַוואָדן און אַ. וו. לויט זייער אַרבעט רעכענען זיך די אַמעריקאַנישע קינדער־גרופּעס פאַר די בעסטע אין אויסלאַנד.

אין קאַנאַדע האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די קינדער־באַוועגונג. ס'איז פאַראַן שוין דאָרטן 15 גרופּעס מיט 600 פּיאָנערן.

אין מעקסיקע און אַרגענטינע (דאָרעם־אַמעריקע) איז דער קאָמיוג אויך צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן קינדערשע קאָמוניסטישע גרופּעס.

זייער וויכטיק איז צו פאַרצייכענען, אַז די לעצטע צייט הייבן אויך אין מיזרעך אָן צו באַווייזן זיך פּיאָנערן.

אין כינע האָבן שוין די ערשטע גרופּעס זיך אָרגאַניזירט אין דער שטאָט שאַנכאַי. דער קאָמסאָמאָל פירט א צוגרייטונג־ארבעט צו אָרגאַניזירן גרופּעס אויך אין אַנדערע שטעט.

אין קאָרייע האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַן ארבעט אַף צו אָרגאַניזירן קינדער־גרופּעס.

אזוי ארום זעען מיר, אַז די קינדערשע קאָמוניסטישע באַוועגונג דרינגט אריין אין אַלע לענדער, ניט קוקנדיק אַף די גרויסע שוועריקייטן (רעדיפּעס פון פּאָליציי און אַ. וו.), וואָס ליגן אפן וועג. און אויב אין א טייל לענדער האָט עס דער רעגירונג געלונגען אַף א צייט צו דערשטיקן די קינדער־גרופּעס, שטעלן זיי פונדעסטוועגן אויף זייער ארבעט, פאַרברייטערן זי. אינגיכן וועלן יונגע פּיאָנערן ארבעטן אַף דער גאָרער וועלט.

דריטער שמועס

מע קעמפט איינעם מיט די טאטעס

די יונגע פיאָנערן, די ארבעטער־קינדער—ניט נאָר וואָס זיי גרייטן זיך צום קאמף, זיי קעמפן שוין היינט פארן קאָמוניזם האנט בא האנט מיט זייערע טאטעס און ברידער.

פארבינדונג-קאָמאַנדעס

אין 1918 יאָר איז אין פינלאנד פאָרגעקומען אַ בירגערקריג צווישן די קאַפּיטאליסטן און די ארבעטער.

די ארבעטער־קינדער זיינען דערביי ניט ארומגע־גאנגען פוסט און פאס: זיי האָבן אָרגאניזירט „פאר־בינדונג־קאָמאנדעס" און האָבן אונטערגעהאלטן די פארבינדונג צווישן באזונדערע טיילן פון דער רויטער גווארדיע.

די רעוואָלוציע אין פינלאנד האָט מען דערשטיקט. די בורזשואזיע האָט זי דערטרונקען אין בלוט, האָט

צעשאָסן טויזנטער ארבעטער. די יונגע קעמפּער, וואָס ס׳איז זיי אָפּט אויסגעקומען מיט די אייגענע הענט צו גראָבן קוואָרים פאַר די טאַטעס, האָבן געשוואוירן נעקאָמע צו נעמען אין דער בור־זשואזיע.

יונגע אויסשפּירער

אַסאַך געהאָלפן האבן דעם ארבעטער־קאמף די איטאליענישע קינדער אין 1920 יאָר. אין אָט דעם יאָר האָבן די ארבעטער פון איטאַליע דורכגעפירט גרויסע שטרייקן, האָבן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט זאוואָדן.

די פאשיסטן און די פּאָליצײ האָבן ארומגערינגלט די פארכאפּטע זאוואָדן, און געמיט זיך אָפּצושניידן זיי פון די איבעריקע ארבעטער. די עלטערע פלעג ניט געלינגען דורכצורייסן זיך דורך די פאשיסטישע רייען. דאָ זיינען צו הילף געקומען די יונגע קאָמור־ניסטן.

כעוורע פלעגן דורכשווינדלען דורך די פיינט־לעכע וואַכן, דורכפירן בריוו, אויספירן קאָלערליי שליכעסן. די אופגעבראכטע פאשיסטן פלעגן שטאַרק שלאָגן די כעוורע, ווען ס׳פלעג זיי געלינגען צו פּאַקן זיי.

אין עסטלאנד בעאייסן ארבעטער־אופשטאנד, סאָף 1924 יאָר, האָבן אויך אייניקע מיטגלידער פון די קינדער־גרופּעס אנטייל גענומען אינם אופשטאנד.

מע העלפט דער פּאַרטיי

אין איינגלאנד העלפן אַסאַך די קינדערשע קאָמוניסטישע גרופּעס דער פּאַרטיי בעאייס פאַרשיידענע קאָמפּאַניעס. זיי נעמען, צום בײַשפּיל, אַן אקטיוון אַנטייל אין די וואַלן צום פּאַרלאַמענט.

די מיטגלידער פון די קינדער־גרופּעס פאַרקויפן דאָן צייטונגען, אָרדענען איין מיטינגען, גייען ארום איבער די הייזער פון די ארבעטער א. א. וו.

איינמאָל האָבן די כעוורע אַליין צוגעטראכט אזא מין אגיטאַציע און מיטל: באַנאַכט האָבן זיי קימאַט אף אלע ראָגן פון לאָנדאָן (דער הויפּשטאָט פון איינגלאנד) מיט קרייד אופגעשריבן די קאָמוניסטישע לאָזונגען.

דעם ערשטן מאַי און אין אנדערע יאָנטױוים נעמען די קינדער־גרופּעס אַן אנטייל אין די דעמאָנסטראציעס, פאַרשפּרייטן ליטעראטור, און באַמיען זיך מיט אלע קויכעס העלפן דער פּאַרטיי און דעם קאָמיוג.

אין דייטשלאנד העלפן די יונגע ספּאַרטאקער דער פּאַרטיי מיט זייער אנטייל אין דעמאָנסטראַציעס און מיטן פאַנאַנדערוואַרפן פלוג־בלעטלעך און צייטונגען.

סאָף פּאָריקן יאָר האָבן די דייטשישע כאַוויירים־פּיאָנערן שטאַרק געהאָלפן דער פּאַרטיי בעאייס די וואַלן אין דייטשישן פּאַרלאַמענט — רײַכסטאַג.

אין דער שטאָט האַמבורג בעאייס די וואַלן אין שטאָט־פאַרוואַלטונג האָבן זיי אזוי שטאַרק אגיטירט

פאַר די קאָמוניסטן, אַז די פּאָליצײ האָט אַפּילע אַרעסטירט 40 פיאָנערן און עטלעכע שאָ זײ אָפּ־געהאַלטן אין צירקל. געװען אויך פאַלן, װען די פּאָליצײ־לײט האָבן געשלאָגן מיט גומענע שטעקנס די קינדער דערפאַר, װאָס זײ האָבן אַגיטירט פאַר קאָמוניסטן.

אין אַמעריקע, אין נאָרװעגיע און אין אַלע לענ־דער, װאו ס'איז פאַראַן די קינדער־באַװעגונג, מיען זיך די יונגע פּיאָנערן צו העלפן דעם קאָמיוג און דער פּאַרטײ און זײ נעמען אַנטײל אין דער אַלגע־מײנער אַרבעט.

מע גײט אין די פאָדערשטע רײען

מיט צװײ יאָר צוריק האָט אין דײטשלאַנד זיך פּאַרלאָפן אזא מאַיסע: די דײטשישע אַרבעטער האָבן דורכגעפירט א קאַמפּאַניע קעגן די פאַשיסטן. פאַר אײנער א דעמאָנסטראַציע האָט מען זיך געריכט אָף אַן אָנפאַל פון די פאַשיסטן, דעריבער האָט די פּאַרטײ פאַרבאָטן די קינדער־גרופּעס אַרויסצוגײן אין גאַס אײנײנעם מיט די אַרבעטער.

די כעװרע אָבער האָבן, ניט קוקנדיק אָפן פאַר־באָט, אָנטײל גענומען אין דער דעמאָנסטראַציע.

— פאַר דער פּאָליצײ װעלן מיר עס מוירע האָבן— האָבן זײ געזאָגט— מיר זײנען דאָך קאָמוניסטן!

און זײ זײנען געגאַנגען אין די פאָדערשטע רײען.

מע שטיצט די עלטערע

אין הארבסט 1923 יאָר האָט זיך אין דייטשלאַנד פארשטארקט די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג. די אר־בעטער האָבן זיך געגרייט צום קאַמף פארן אייג־שטעלן ראטנמאַכט. די קינדערשע קאָמוניסטישע גרופּעס האָבן זיך אויך געגרייט צום קאַמף. זיי האָבן באשלאָסן דערקלערן שטרייקן אין די שולן, ווי נאָר זייערע טאַטעס וועלן ווארפן די ארבעט אַף די זאַוואָדן.

צוליב דעם האָבן די מיטגלידער פון די קאָמוניס־טישע גרופּעס אין יעדער שול געשאַפן אַ פראקציע, וואָס פלעג פאנאנדערשפּרייטן פלוג־בלעטלעך, אייג־אָרדנען פארזאַמלונגען און אזוי ארום צוגרייטן דעם שול־שטרייק. אַף די פארזאמלונגען, צו וועלכע מע פלעג צוציען אויך די עלטערן, האָט מען גערעדט וועגן דער דאַכקעס און נויט פון די פּראָלעטאַרישע קינדער (דעמאָלט איז אין דייטשלאַנד געווען אַ שטאַרקער הונגער), גערעדט וועגן דעם, ווי די טאַ־טעס קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן און ווי ארום די קינדער קענען זיי דערינען העלפן.

פּיאָנערישע גרופּעס

כוצדעם, האָבן די עלטערע כעוורע פון די קאָמו־ניסטישע קינדער־גרופּעס געשאַפן באזונדערע פּיאָ־נערישע גרופּעס צו 3—5 מענטשן אין אַ גרופּע.

די פּיאָנערישע גרופּעס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי און מיטן קאָמיוג, פלעגן באַקומען פון זיי שליכעסן. זיי האָבן באַדאַרפט באַם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע אָרגאַניזירן אַלע קינדער, אויס־לערנען זיי, ווי אַזוי צו העלפן די אַרבעטער אין קאַמף.

די פּיאָנערן־גרופּעס אַליין האָבן זיך געלערנט, ווי אויסצופילן די אַרבעט פון אויסשפּירער, ווי אַזוי צו האַלטן זיך בעאייס אַרעסט א. א. וו.

א באַזונדער געדיינק־צעטל האָט געלערנט די פּיאָנערן, ווער זיינען זייערע פיינט און פריינט. אָט איז עס, דאָס געדיינק־צעטל:

פּיאָנער, געדיינק:

1) די רייכע זיינען שטענדיק די סאָנים פון די אַר־בעטנדיקע, ווייל זיי, די רייכע, לעבן פון דער אַרבעט פון די אָרעמע, און האַלטן אין שטענדיקן אונטער־דריקן זיי.

2) א רעוואָלוציאָנער איז דער, וואָס קעמפט פאַר דער פרייהייט פון די אַרבעטנדיקע; דעריבער שטעלן די רייכע ארויס קעגן אים פּאָליציי, סאָלדאַטן, געריכט־באַאַמטע, פּראָוואָקאַטאָרן, און שפּיאָנען.

3) די באַוואָפנטע פּאָליציי־לייט און סאָלדאַטן כאַפּן די רעוואָלוציאָנערן און צעשיסן זיי.

4) די געריכט־באַאַמטע און פּראָוואָקאַטאָרן ווילן א פּאַכאַד אָנוואַרפן אַפן אַרבעטער און באַמיען זיך

צו פארנארן אים אין א נעץ, קעדיי צו קענען ארייג־
זעצן אים אין טורמע און הארגענען.

ווי צו האלטן זיך מיט די פיינט (פאָליציי, פאַ־שיסטן) און ווי אזוי צו קעמפן מיט זיי, וועגן דעם האבן געדעדט די „געזעצן פון פּיאָנער“.

1) מיט א פרעמדן שטומט דער פּיאָנער, ווי א פיש.

2) מיט די סאָנים איז דער פּיאָנער קלוג, ווי א פוקס.

3) אין קאמף איז דער פּיאָנער פלינק, ווי א פויגל.

4) פאר די ארבעטער איז דער פּיאָנער א כאוועד, פאר די קינדער — א פריינט, אָבער פאר די אונטער־דריקער — שטענדיק א סוינע.

5) מוט און פלינקייט, דרייסטקייט און געדולד, — דאָס זיינען די מאילעס פונם פּיאָנער. ער וועט קיינ־מאָל ניט פעלשן אין זיינע פריינט, אין וואָס פאר א סאקאָנע ער זאָל זיך ניט געפינען. ער וועט שטענ־דיק און אומעטום זיך שטעלן פאר די כאַוויירים און העלפן זיי אין יעדן אומגליק.

אָט דאָס געדיינק־צעטל, און אָט די געזעצן האבן די פּיאָנערן באדארפט גוט קענען, קעדיי צו קעמפן מיט דערפאָלג.

נאָר גראָד דאָס מאָל האָט די רעוואָלוציע אין דייטשלאנד ניט געווג אופגעפלאַקערט. די קאָמוניסטן און די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּעס האבן געמוזט אוועק אין אונטערערד, אָבער דער קאַמף האָט אסאך געלערנט אונזערע כאוויירים.

די העכט אוועק פון דייטשלאנד!

אין דערזעלבער צייט האָבן די קינדער־גרופּעס פון אמעריקע אָנגענומען אלע מיטלען אף צו שטערן דער אמעריקאַנער רעגירונג צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין דייטשלאנד.

זיי האבן איינגעאָרדנט מיטינגען, ארויסגעלאָזט פלוג־בלעטלעך, גערופן די ארבעטער צו העלפן די דייטשישע כאוויירים, געפאָדערט פון די אמעריקאנער יאם־לייט זיי זאָלן ניט דורכפירן קיין געווער פאר דער דייטשישער בורזשואזיע.

הילף די רעוואָלוציאָנערן

די קינדער־גרופּעס נעמען אין אלע לענדער זייער אן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַרבעט פון דער צווישנ־פעלקערלעכער אָרגאַניזאַציע פון הילף פאר די רעוואָ־לוציע־קעמפער (МОПР). זיי פארקויפן עמבלעמען לעטויועס די רעוואָלוציאָנערן, וואס זיצן אין די טפיסעס, פארשפרייטן אופרופן.

די דייטשישע יונגע ספּאַרטאַקער האָבן אף זייער 3־טן אלדייטשישן צוזאַמענפאָר באשלאָסן, אַז אַלע קינדער־גרופּעס טרעטן ארייך אין דער אָרגאניזאציע „רויטע הילף“ (אזוי הייסט אין דייטשלאַנד דער „מאָפּר“).

די בורזשואזע רעגירונגען רעכענען „מאָפּר“ פאר אן אומגעזעצלעכער אָרגאניזאציע, דעריבער פאר־

פּאָלגן זיי די, וואָס העלפן דער אָרגאַניזאַציע. אין דעמזעלבן דייטשלאַנד האָט מען ערשט ניט לאַנג אַרעסטירט קאָמיוגיסטן בלויז דערפאַר, וואס זיי האָבן געגעבן פּיאָנערן עמבלעמען פון מאָפּר אף צו פאַר־שפּרייטן. אין אַן אַנדער אָרט האָט מען אַרעסטירט דערפאַר עטלעכע פּיאָנערן. מע האָט זיי עטלעכע שאָ אָפּגעהאַלטן אין פּאָליציי, געדראָט אַריינצוזעצן זיי אין טורמע און זיי גראָב געזידלט.

ניט קוקנדיק אף אָט די רעדיפעס, פאַרגעסן ניט די פּיאָנערן די זאַך פון הילף פאַר די אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן.

מע ראַטעוועט די טאַטעס

אָפּט ראַטעווען די פּיאָנערן אַרויס זייערע עלטערן.

אין פינלאַנד האָבן די קינדער־גרופּעס געפירט אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע פאַר דער באַפרייאונג פון זייערע טאַטעס, וואָס די בורזשואַזיע האָט זיי אַריינגעשליי־דערט אין די טורמעס נאָך דער רעוואָלוציע פון 1918 יאָר.

אין דייטשלאַנד האָט מען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין איינע פון די קאַנטן אַרעסטירט אַסאַך אַרבעטער פאַר רעוואָלוציאָנערע אַרבעט.

די קינדער פון די אַרעסטירטע האָבן אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע און געשיקט זי קיין בערלין צום מיני־סטער. דאָרט האָבן די כעוורע זיך מיט גרויס מי דער־שלאָגן צום מיניסטער און געפרעגט אים:

— ווען וועט מען באַפרייען אונזערע טאַטעס, זיינען זיי דען פאַרברעכער אדער מערדער, וואָס איר האַלט זיי אין טורמע?

דער מיניסטער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענט־פערן. כעוורע האָבן געמאָלדן, אז זיי וועלן ניט אוועקפאָרן ביז די אַרעסטירטע וועלן ניט באַפרייט ווערן.

איניינעם מיט די עלטערן נעמען די אַרבעטער־קינדער אין אַלע לענדער אן אנטייל אינם קאַמף גרייטן א גוטע נייע מישמוירע.

מע קעמפט מיט דער פאליציי און מיט די פאשיסטן

אין די ערשטע שמועסן האָבן מיר שוין אַסאַך מאָל דערמאָנט, אַז די בורזשואַזע רעגירונגען, פאָליציי, פאַשיסטן פאַרפאָלגן די קאָמוניסטישע קינדער־גרו־פעס, באַמיען זיך צו שטערן זיי אין זייער אַרבעט. מירן דאָ בריינגען נאָך עטלעכע ביישפילן.

„אט די קינדער דארף מען צעשיסן"

איינמאָל האָט פאָליציי אין עסטאָניע ארעסטירט 13 אינגלעך פאַר אנטייל נעמען אין אַ דעמאָנסטראַציע. די אַרעסטירטע האָט מען מערדעריש געשלאָגן. ווען די פאָרשטייער פון די אַרבעטער האָבן געפאָדערט, מע זאָל די אינגלעך באַפרייען, האָט דער מיניסטער דערקלערט: „אָט־די קינדער דאַרף מען צעשיסן!"

אין זעלבן עסטלאַנד האָט מען אין 1924־טן יאָר נאָכן אַרבעטער־אופשטאַנד צעשאָסן א דרייצניאָריקן אינגל. עטלעכע האָט מען אריינגעזעצט אין טפיסע.

מע צעטרייבט די קינדער-גרופּעס

אין טשעכאָ־סלאַוויע האָט די רעגירונג באַשלאָסן אינגאַנצן צו פאַרמאַכן די קינדער־גרופּעס. זי האָט דערקלערט, אַז די קינדער־דערציאונג איז אַ רעגי־רונג־איניען (ד. ה. אַן איניען, וואָס געהער דער בורזשואַזיע), און אַז כּוץ דער רעגירונג טאָר קיינער ניט פאַרנעמען זיך מיט דערציאונג. דיזעלבע רעגירונג האָט נאָר ניט צעשטערט די בורזשואַזע סקאַוט־אָרגאַניזאַציעס, נאָר זי העלפט זיי נאָך מיט.

אין באָלגאַריע, אין דאַרעם־סלאַוויע, אין דייטש־לאַנד און אין אסאך אַנדערע לענדער האָבן די רעגי־רונגען געפּרואווט צו פאַרווערן די קינדער־גרופּעס צו אַרבעטן. געוויינטלעך, האָבן דידאָזיקע פאַרבאָטן קיין שום מאַמאָשעס ניט און די פּיאָנערן אַרבעטן ווייטער אין אונטערערד.

די פאַשיסטן שלאָגן

דעם 22־טן יולי 1923 האָט זיך אין דייטשלאַנד געעפנט דער 2־ער אַלדייטשישער צוזאַמענפאָר פון די קינדערשע קאָמוניסטישע גרופּעס. פאָרגעקומען איז ער אין שטאָט גאָטאַ, וואו ס׳זיינען שטאַרק די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. אַף די גאַסן קומען דאָרט שטענדיק פאָר „שלאַכטן” צווישן די קינדער פון די אַרבעטער און פון דער בורזשואַזיע.

אַף די דעלעגאַטן פונם צוזאַמענפאָר זיינען אין גאַס אָנגעפאַלן דערוואַקסענע פאַשיסטן, געשלאָגן

זיי, צוגענומען די פּאָנען. אָבער דאָ זיינען צו הילף דער כּעוורע געקומען די דערוואַקסענע אַרבעטער. אַפן 2־טן טאָג האָבן 50.000 אַרבעטער איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע קעגן די פאַשיסטן. די לעצטע האָבן שוין נאָכדעם די האָזע ניט געהאַט אָנצורירן די קינדער.

די פאַשיסטן און די פּאָליציי־לייט פאַלן אָפּט אָן אַף די דעמאָנסטראַציעס פון די דייטשישע פּיאָנערן, שלאָגן זיי מיט גומענע שטעקנס.

אין איטאַליע שלאָגן אויך די פאַשיסטן די קינדער אינם קאַמף מיט די קינדער־גרופּעס. ערשט ניט לאַנג האָט מען איין אינגל פאַרגאָסן די אויגן מיט קאַלך, ער איז אַף שטענדיק בלינד געוואָרן.

פּאָליציייִשע ווילדקייט

וועגן אַ נידערטרעכטיקן פאַל פון פּאָליצייִשן אידזיעקעווען זיך איבער קינדער האָבן געמאָלדן די דייטשישע צייטונגען אין דעקאַבר 1924 יאָר.

צוויי אינגלעך אין בערלין האָבן זיך געשפּילט אַף אַ פּלאַץ לעבן אַ קלויסטער. זיי האָבן באַמערקט אַף יענער זייט קלויסטער־פּלויט אַ פאַך־פייגעלע און באַשלאָסן צו פאַקן עס. צוליב דעם זיינען זיי אַריבער־געקראָכן איבערן פּלויט.

דאָ האָט זיי טייקעף אַרעסטירט אַ פּאָליציי־פאַר־שוין און זיי אָפּגעשיקט אין צירקל אַריין.

דאָרט האָט מען די אַרעסטירטע אָנגעהויבן אויס־פרעגן וועגן זייערע עלטערן, פאַרוואָס זיינען זיי

אַריבערגעקראָכן איבערן פּאַרקאַן און א. וו. דערנאָך האָט מען זיי אַרײַנגעשטופּט אין אַ פֿינצטערער קאַמער. דאָרט האָט זיי איינער פֿון די פּאָליציי־לייט געפּאַטשט, אָנגערייצט אַף זיי אַ גרויסן הונט, אָנגעצילט אַף זיי די ביקס, געדראָט זיי טויטן.

אַז אין עטלעכע שאָ אַרום האָט מען די אינגלעך ארויסגעלאָזט, האָבן זיי געפּלאָטערט פֿאַר שרעק, און אין מעשעך פֿון אַ האלבער שאָ האָבן זיי קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אויסרעדן.

מע שטעלט זיך קעגן

אָבער אזעלכע רעדיפּעס שרעקן ניט אָפּ אונזערע כאווייִרים. זיי ווארפֿן ניט אוועק זייער אַרבעט. אָפּט שטעלן זיך די פּיאָנערן אליין קעגן דער פּאָליציי און קעגן די פֿאַשיסטן. די כעוורע זייִנען צוגעוואוינט צו שטענדיקן קאַמף. דער קאמף מאכט זיי שטייף, גרייט פֿון זיי צו שטאָלענע קאָמוניסטן.

אַרעסטירט אויך אונז

איינמאָל האָט די פּאָליציי אין בערלין (הויפּטשטאָט פֿון דייטשלאנד) ארעסטירט אַ פּיאָנער פֿאַר פֿאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע ליטעראַטור.

ס'האָט זיך טייקעף צונויפֿגענומען די גאנצע קינדער־גרופּע און מע איז אַוועק אין פּאָליציי. דאָרט האָבן די פּיאָנערן געמאָלדן:

— אַרעסטירט אויך אונז, מיר זיינען מיט אים מאַס־קים. מיר זיינען פּונקט אַזעלכע פאַרברעכער, ווי ער.

די פּאָליציי האָט קיין ברירה ניט געהאַט. זי האָט געמוזט אַרויסלאָזן דעם אַרעסטירטן.

אַן אַנדערס מאָל, ווען די פּאָליציי האָט געוואָלט אָפּנעמען בײַ די פּיאָנערן די רויטע פאָן, האָבן זיך די יונגע קאָמוניסטן ארופגעוואָרפן אַף די פּאָליציי־לייט, אַראָפּגעריסן פון זייערע קעפּ די קאַסקעס און גע־טראָטן מיט די פיס.

פאַרבייגייענדיק לעבן דער פּאָליציי, זינגען אָפט די פּיאָנערן בעקיוון „אינטערנאַציאָנאַל“ און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער.

„טראָצקי דער אינגערער“

אין סאָף 1923 יאָר האָבן די בורזשואַזע צייטונגען אין אַמעריקע אַסאַך געשריבן וועגן איינעם אַ מיט־גליד פון די קינדערשע קאָמוניסטישע גרופּעס, לעאָ גראַנאָוו. די בורזשואַזיע האָט אים אַ נאָמען געגעבן „טראָצקי דער אינגערער„.

מיט וואָס־זשע איז ער באַרימט געוואָרן, לעאָ גראַנאָוו?

פאַרוואָס האָט אים געזידלט די בורזשואַזיע?

לעאָ איז איינמאָל אַן אַפּדערנאַכט לאַנג געשטאַ־נען אין גאַס, געוואַרט אַף דער מוטער, וואָס דאַרף זיך אומקערן פון דער אַרבעט. דאָס האָט אויסגעזען כאָשעדיק דעם פּאָליציי־מאַן, און ער האָט לעאָן אַרעסטירט.

בעאַייסן אונטערזוך האָט מען בא לעאָן געפונען פלוג־בלעטלעך און דעם זשורנאַל פון די קאָמוניס־טישע גרופּעס „יונגער כאַוועך״.

אף די פראגן פון די פאָליציי־לייט האָט לעא גע־מאָלדן, אז ער איז א קאָמוניסט. ער האָט זיך ניט דערשראָקן פאר דער פאָליציי און האָט אף אלץ דרייסט געענטפערט. דעריבער טאַקע האָט אים אזוי פיינט געקראָגן די בורזשואזיע.

גראַנאָוון האָט מען געפרעגט:

— וואָס איז דיר ניט געפעלן געוואָרן אין דער פרייער אַמעריקע?

ער האָט געענטפערט:

— פון אייער פרייהייט קענען האַנאָע האָבן בלויז בורזשויען.

אף דער פראגע, וועמען האלט ער פאר א גרעסערן מענטשן — וואַשינגטאָנען (אן אמערי־קאַנער העלד), אָדער טראָצקין, האָט לעא געענט־פערט:

— וואַשינגטאָן איז געוועזן ניט קיין שלעכטער מענטש, אָבער ער איז געוועזן אַ גענעראַל. איך מיין, אַז טראָצקי האָט מער נוצן געבראַכט דער וועלט.

— איז פאַרוואָס פאָרסטו ניט קיין רוסלאַנד, אויב דאָרט איז בעסער?

— איך רעכן אפילע ניט פאָרן אהינצו, דאָרט איז אויך אָן מיר פאראַן אסאַך טוער, אָבער דאָ איז פאַ־ראַן ארבעט אסאַך און רעוואָלוציאָנערן ווייניק.

ניט אָפּטרעטן פאַר דער פּאָליציי

סאָף 1924 יאָר איז אין איינעם פון די דייטשישע קאַנטאָן—ווירטעמבערג—פּאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון יונגע ספּאָרטאַקער. דאָרט האָבן צוויי דעלעגאַטן דערציילט וועגן דעם, ווי ס׳האָט זיי אַרעסטירט די פּאָליציי:

זיי זיינען געוועזן אויפן אַלדייטשישן צוזאַמענפאָר פון די קינדער־גרופּעס. ווען זיי זיינען געקומען צו־פאָרן נאָכן צוזאמענפאָר אהיים, אויפן 2־טן טאָג 7 אזייגער אינדערפרי, האָט די פּאָליציי זיי ארויסגע־שלעפּט פון די בעטן, אָפּגעפירט זיי אין צירקל, און זיי גענומען אויספרעגן וועגן דעם, ווער ס׳האָט אָנגע־פירט מיטן צוזאמענפאָר, וועלכע פראגן האָט מען דאָרט באטראכט, ווער האָט זיי געגעבן געלט אויפן וועג, צי האָבן זיי די עלטערע מיטגעהאָלפן און. א. וו. די אַרעסטירטע האָבן געגעבן אויספירלעכע ענטפערן אויף די פראַגן.

אָבער די איבעריקע דעלעגאַטן פון דער קאָנפע־רענץ האָבן דערפאַר געמוסערט די כאַווײרים: זיי האָבן געהאלטן, אַז מע דאַרף ניט געבן קיין אויספיר־לעכע ענטפערן די פּאָליציי־לייט.

— מיר דארפן ניט אָנרופן דער פּאָליציי קיין נעמען קעדיי דערמיט ניט גרינגער מאַכן איר דעם קאַמף מיט אונזער באַוועגונג,—האָבן זיי געזאָגט.

די קאָנפערענץ האָט אַפילע ארויסגעטראָגן אַזאַ באשלוס:

„דער יונגער פּיאָנער רעדט קיינמאָל ניט קיין איבעריקס, גיט קיינמאָל ניט ארויס זיין כאַוועד, ער איז קלוג, דורכגעטריבן, דרייסט בענויגייע צו זיינע פיינט—דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און די פּאָליציי“.

דרייסט קעמפן די פּיאָנערן אין אַלע לענדער. די בורזשויען מיט זייער פּאָליציי און פאַשיסטן וועט זיך קיינמאָל ניט איינגעבן צו באזיגן און פאַרניכטן די קאָמוניסטישע קינדער־באוועגונג.

פינפטער שמועס

שול-קאמף

נאָך א שווערערן קאמף קומט אויס אונזערע כאוויי־רים דורכצופירן אין שול. די בורזשואַזיע באמיט זיך מיט דער הילף פון דער שול צו פאַרוואַנדלען די ארבעטער־קינדער אין אונטערטעניקע דינער, זיי זאָלן דערעכערעץ האָבן פאר רייכע, מוירע האָבן פאַר גאָט און גאַלאָכים.

מיט די לערער, די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, פירן אַ קאמף די קינדער־גרופּעס.

אין דער דייטשישער שול

א באזונדער שטאַרקן קאַמף אין שול פירן דורך די דייטשישע יונגע ספּאַרטאַקער. מיר האָבן שוין גע־זאָגט, אַז אין דייטשלאנד איז די שול אן אלטע. די לערער שלאָגן די שילער מיט קאַנטשיקעס און ווי־רעס, לערנען זיי קאָלערליי פוסטע מאַיסעס.

אָט וואָס סע שרייבן אין זייערע זשורנאַלן די דיי־טשישע כאוויירים וועגן דער שול:

קאָמוניזם געפעלט ניט

איינמאָל האָט אונזער לערער פון מאָלן געוואָלט באטראַכטן בא אלעמען די געמעלן. די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן. דער לערער איז ארומגעגאנגען פארביי די בייַנק און אָנגעקוקט די געמעלן.

איך און מיין שאָכן האָבן זיך באנוצט מיט איין מעקער און מיט איינע און דייזעלבע פארבן, ווייל מערער האָבן מיר ניט געקענט קויפן. אַז דער לערער האָט עס דערזען, האָט ער אונז אָנגעהויבן פאַטשן.

— וואָס איז עס בא אייך, קאָמוניזם?!—האָט ער געזאָגט.

מיר האָפן, אַז אינגיכן וועט בא אונז זיין א פרייע שול, און מיר וועלן ניט באקומען קיין פעטש פאר קאָמוניזם.

ו. גאָרליאַנד און ק. יאַנק.

עמעס אין אונזער שול

איינמאָל האָט אונז דער לערער געזאָגט:

— מיר וועלן אָנשרייבן אַ נייע פארפאסונג, איר דאַרפט באַשרייבן אַ ווינטערדיקן אַפדערנאַכט אין צימער.

קימאַט אַלע האָבן אָנגעשריבן אזוי: „מיין באבע זיצט הינטערן אויוון און לייענט די ביבליע“. נאָר איך האָב ניט געוואָלט זאָגן קיין ליגן און אנגעשריבן: „מיין באַבע זיצט הינטערן אויוון און לייענט די מאַי־

סעס וועגן די אָרעמע און די רייכע, די מאַיסעס, וואָס מיר לייענען זיי שטענדיק אין אונזער קינדער־גרופּע. דער טאַטע זיצט אַפן דיוואַן און לייענט „קלאַסנ־קאַמף"—אונזער פּאַרטיי־צייטונג.

אלס דאַנק דערפאַר, וואָס איך האָב אָנגעשריבן דעם עמעס, האָב איך געקראַגן פונם לערער אַ גוטן פּאטש. מיין שאָכן, וואָס ער האָט איבערגעשריבן בא מיר, האָט אויך באַקומען פונקט אַזא מאַטאָנע.

וואַלטער גראַפּע.

די לערער באַשטראָפן שטענדיק די שילער פאַר אַלץ, וואָס דערמאָנט קאָמוניזם. באַזונדערס קומט אסאך אויסצושטיין די מיטגלידער פון די קאָמוניסטישע גרופּעס. נאָר די פּיאָנערן גיבן ניט נאָך די לערער, קעמפן מיט זיי.

פאַרוואָס נאָר וועגן די רייכע

אין איינער אַ שול פרעגן די שילער באַם לערער:

— פאַרוואָס דערציילט איר שטענדיק נאָר וועגן די רייכע און וועגן די גענעראַלן? זיי אונטערדריקן דאָך די אַרבעטער. פאַרוואָס רעדט איר ניט וועגן די ארעמע?

וואַס האָט געקענט ענטפערן דער לערער? ער האָט זיך גענומען אויסנוצן די ווירע.

מע זינגט ניט קיין פּאַטריאָטישע לידער

די לערער צווינגען די שילער צו זינגען פּאַטרי־אָטישע לידער, ד. ה. אַזעלכע לידער, וואו סע ווערן געלויבט דער קייסער, דאָס אייגן לאַנד און א. וו. די יונגע קאמוניסטן ווילן, פאַרשטייט זיך, ניט זינגען דיזאַזיקע לידער.

אין איין שול האָט דער לערער פאָרגעלייגט:

— לאָמיר דורכזינגען די ליד „איך בין א פּרייסער“.

כעוורע האָט געענטפערט:

— מיר האָבן ניט אויסגעכאַזערט אט די ליד.

דער לערער איז זייער אין קאעס געוואָרן, און האָט באפוילן צום קומענדיקן טאָג אומבאַדינגט אויס־כאזערן די ליד. דעמאָלט האָבן זיך די שילער צונויפ־גערעדט און האָבן באַשלאָסן אינגאַנצן ניט צו קומען אף די געזאַנג־לעקציעס, ביז מע וועט זיי ניט געבן קיין נייעם לערער. די אָנפירער פון דער שול האָבן געמוזט איבערבייטן דעם לערער.

אונזערע עלטערן זיינען ניט קיין פאַרברעכער

דער לערער זידלט די קאָמוניסטן, רופט זיי אָן פאַרברעכער און א. וו. שטעלט זיך אוף אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער גרופּע:

— בא אסאך פון אונז זיינען די טאַטעס קאמוניסטן. אבער זיי זיינען ניט קיין פאַרברעכער. אויב אלע

וואָלטן געווען אַזעלכע פאַרברעכער, וואָלט זיך זייער גוט געלעבט אין דייטשלאַנד.

דער לערער שלאָגט, פאַרשטייט זיך, דאָס דרייסטע אינגל מיט דער ווירע, אָבער אונזערע כאַווייריים דערלויבן קיינמאָל ניט די לערער צו רעדן ליגן וועגן די קאָמוניסטן.

אַוועק מיטן קאַנטשיק!

די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּעס אין דייטשלאַנד, אָרדענען אָפּט איין דעמאָנסטראַציעס קעגן די לערער, וואָס באַנוצן דעם קאַנטשיק.

די קינדער־גרופּע מאָלט אויס אויף פּלאַקאַטן קאַריקאַטורן אויפן לערער דעם שמייסער, דערנאָך נעמט זי צונויף אַלע שילער. זיי טראָגן די פּלאַקאַטן דורך דער גאַנצער שטאָט צום לערערס דירע. אין עטלעכע אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס האָבן אָנטייל גענומען אַנערעך 2.000 קינדער.

אַרום דעם לערערס דירע שרייען די קינדער: „דער און דער לערער איז אַ שמייסער, ס'איז אַ פּעדאַגאָג מיט אַ קאַנטשיק!" „אַוועק מיטן קאַנטשיק!" דערנאָך זינגען זיי רעוואָלוציאָנערע לידער.

אַז סע פּרוּווט זיך דאָ אַריינמישן די פּאָליציי, באַגעגענען די קינדער זי מיט כוזעק־אויסגעשרייען, ווייזן איר „נעזער".

נאָך אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס קומט אָפּט אויס די לערער צו פאַרלאָזן די שול, באַזונדערס נאָך

דערפאר, וואס אויך די עלטערן האלטן אונטער די קינדער.

מיט אלע מיטלען קעמפן די קינדער קעגן קאַנ־טשיק. אין שול היינגט מען ארויס פלאַקאטן, לאָזונ־גען; מע לאָזט ארויס ספּעציעלע פלוג־בלעטלעך. כוצ־דעם, אָרדנט מען איין ספּעציעלע שול־אוונטן, אויף וועלכע מע מאכט ליצײ־ליצאַנעס פון די לערער, די שמייסער.

שול-שטרייקן

אָפט דערגייט עס דערצו, אז די שילער דערקלערן א שטרייק זייערע לערער. אזעלכע שטרייקן קומען פאָר אין דייטשלאנד, אין אמעריקע, אין איינגלאנד און אין אנדערע לענדער.

אין אווגוסט 1924 יאר איז א היפשער שטרייק פארגעקומען אין דייטשלאנד אין דער שטאט גאָטא.

אין אָט דער שטאָט איז פאראן אסאך שולן. א טייל פון זיי האָט זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון די גאלאָכים. די רעגירונג האט דידאזיקע שולן שטארק מיטגעהאלפן, געגעבן זיי אסאך געלט־מיטלען. די איבעריקע שולן האט מען געהאלטן פאר „פרייע“, ווייל דארט האט מען ניט געלערנט דעם רעליגיע־לימוד. אָט די שולן האט מען קיין געלט קימאט ניט געגעבן. כוצדעם, האט די רעגירונג באשלאסן מעשאַ־לייעך צו זיין פון די שולן די לערער, וואס האבן מיט־

געפּילט די קאָמוניסטן. די לערער, וואָס האָבן באַנוצט קאַנטשיקעס, האָט די רעגירונג געשטיצט.

האָבן 300 שילער אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער גרופּע דערקלערט אַ שטרייק. זיי האָבן געפאָדערט געלט פאַר די שולן, געקאָכטע פרישטיקן, דאָס איבערלאָזן די לערער־קאָמוניסטן, די פאַרניכטונג פון שמיץ־שטראָף און א. וו. דער שטרייק האָט געדויערט לאַנג, די שטרייקנדיקע קינדער פלעגן אַלע טאָג צונויפנעמען זיך אין פּאַרק און דאָ, אונטער דער אָנפירונג פון די לערער קאָמוניסטן און פון די אייגענע אָנפירער קאָמיוגיסטן, פלעג מען דורכפירן די לימודים. דאָ פלעג זיך אויך אַריינמישן די פּאָליציי, זי פלעג פאַרבאָטן צונויפנעמען זיך אין פּאַרק, און פלעג צעטרייבן די שילער.

שול־קעמערלעך

דער 2־טער אַלדייטשישער צוזאַמענפאָר פון פּיאָנערן האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן אָרגאַניזירן אין די שולן פּיאָנערן־קעמערלעך, קעדיי מיט מער דערפאָלג דורכצופירן דעם קאַמף. אָבער פאַרשטאַרקט האָט זיך די אָרגאַניזאַציע פון אָט די קעמערלעך ערשט נאָכן 3־טן צוזאַמענפאָר (אָקטיאַבר 1924). אין פעוראַל 1925 יאָר האָט אין דייטשלאַנד דער פאַרבאַנד פון יונגע ספּאַרטאַקער שוין געהאַט 120 שול־קעמערלעך. די צאָל פאַרגרעסערט זיך אַלץ מער און מער. די שול־קעמערלעך פאַרייניקן די פּיאָנערן, וואָס לערנען זיך אין

איין שול. פריער האבן דעם קאמף מיט די לערער געפירט בלויז איינצלנע פיאנערן. פארשטייט זיך, דעם, לערער איז דאך גרינג געווען צו צערעכענען זיך מיט זיי. היינט האלט דאס קעמערל אונטער זייער מיטגלידער, דער קאמף ווערט פארלייכטערט. כוצדעם פארשפרייט דאס קעמערל פיאָנערן־ליטעראטור אין שול, פירט אן אגיטאציע, ציט ארייַן נייע מיטגלידער.

„די אמעריקאנער וואך“

מיר האָבן ביז איצט גערעדט וועגן דער דייטשישער שול, ווייל אין דייטשלאנד האָט זיך מער ווי אומעטום אנטוויקלט דער פיאָנערן־קאמף אין שול. אָבער אויך אין אנדערע לענדער איז די שול ניט אף קיין סאך בעסער, ווי די דייטשישע. דעריבער פירן אויך דאָרט די פיאָנערן דורך אן אנגעשטריינגטע ארבעט. אין אמעריקע, לעמאָשל, האָט די רעגירונג אין נאָיאבר 1924 יאָר דערקלערט א ספעציעלע „אַמעריקאנער יוגנטלעכער שול־וואָך“, קעדיי בייצוקומען די קאמוניסטישע ווירקונג אין דער שול.

אין אָט דער וואָך האָט מען אין די שולן געלויבט אַמעריקע, די גוווירים, גערופן די קינדער גלויבן אין גאָט און פאַרטיידיקן די „נאַציע“, ד. ה. די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, פיינט האָבן די קאמוניסטן און א. וו. אט זייַנען עטלעכע לאָזונגען פון אָט דער וואך:

„די רויטע פאָן — דאס איז טויט, פאַרניכטונג אָרעמקייט, אומקום, הונגער“.

„גאָטס נאַציע קען ניט אומקומען“.

„די רויטע פאָן איז אַ סאַקאָנע“.

די פיאָנערן האָבן איניינעם מיט דער פאַרטיי, מיטן קאמיוג, איינגעאָרדנט קעגן אָט דער וואך אַן אייגענע „וואך פון פּראָלעטאַרישער פּראָפּאַגאַנדע“. אין מעשעך פון וועלכער מע האָט דערקלערט די אופגאַבן פון די קאָמוניסטן.

די פּאָליציי האָט דאָ, פאַרשטייט זיך, געפּלייסט זיך צו צעשטערן די אַרבעט.

אין דער שטאָט טשיקאַגע האָבן די געהיימע פּאָ־ליציאַנטן און די לערער צעטריבן די שילער, וואָס האָבן זיך, לויטן רוף פון די פּיאָנערן, צונויפגענומען אף אַ מיטינג. דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די געהיימע פּאָליציאַנטן און די לערער האָט עס גע־שיקט די פאַרוואַלטערן פון איינער אַ שול. זי האָט געוואָלט נויקעם זיין זיך אין אירע שילער דערפאַר, וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ שטרייק אין שול.

אין דער שטאָט סאַן־פראַנציסקאָ האָט די פּאָליציי באַקומען אַ ידיע, אַז אין עטלעכע שולן פירט מען דורך קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און סע זיינען אַפּי־לע אָרגאַניזירט פּיאָנערן־גרופּעס. די פּאָליציי האָט אנגעהויבן צו מאַכן מאַסן אונטערזוכונגען און האָט אַרעסטירט 21 מאַן.

היינט האָט זיך דער שול־קאַמף אין אַמעריקע פאַרשטאַרקט.

שטרייק אין קאַנאַדע

אין קאַנאַדע, וואו די קינדער־באַוועגונג הייבט זיך ערשט אָן צו אַנטוויקלען, איז שוין אין יאַנוואַר 1925 פארגעקומען אַ שול־שטרייק.

אין שטעטל דראַמכעלער האט אַ לערער דעם 19־טן יאַנוואַר דערציילט די קינדער וועגן דער מילכאָמע, לויבנדיק די „העלדישקייטן" און א. וו. נאָכן דערציילן האָט ער פאָרגעלייגט די שילער דורכזינגען דעם נאַציאָנעלן הימן און באַגריסן די נאַציאָנאַלע פאָן.

אָבער די שילער האבן ניט געוואָלט פאָלגן. איין מיידעלע האט געמאָלדן דעם לערער, אַז די געשיכטע, וואָס ער האָט דערציילט, איז, ווי די מערהייט פון די מילכאָמע־געשיכטעס, אַ ליגן.

די שול האָט מען טייקעף פארמאַכט און די קינדער אַוועקגעשיקט אהיים.

וואָס פאָדערן די פיאָנערן

אָט אַזוי פירן די פיאָנערן אין פאַרשיידענע לענדער דעם שול־קאַמף.

וואָס ווילן זיי פויעלן מיט אָט דעם קאַמף?

די פיאָנערן שטרעבן צו אַ פרייער שול, וואו ס'איז ניטאָ קיין שמוץ, וואו ס'איז ניטאָ קיין רעליגיע־לימוד, וואו מע לויבט ניט די רייכע און מע זידלט ניט די אַרבעטער. זיי ווייסן, אַז אַזאַ מין שול איז פאַראַן אין

די ראַטן־רעפּובליקן. און זיי שטרעבן צו אַזאַ מין שול בײַ זיך.

זיי ווייסן אָבער אויך, אַז אַזאַ שול קען זיין נאָר דעמאלט, ווען די אַרבעטער וועלן זיגן — דעריבער שטרעבן זיי צום ניצאָכן פונם אַרבעטער־קלאַס. דער־וויל קעמפן זיי (און אָפט מיט דערפאָלג) פאַר אפּ־שאפן די שטראָפן, פאַר געקעכץ־פרישטיקן, פאַר באַ־זייטיקן די שלעכטע לערער און א. וו.

קעמפנדיק אין שול, געוואוינען זיך די פּיאָנערן צו צום קומענדיקן קאַמף פאַר דער אַרבעטער זאַך, צום קאַמף פאַרן קאמוניזם.

זעקסטער שמועס

די פּיאָנערישע פּרעסע

אַגיטאַציע דורך דער פּרעסע

די פאַרשפּרייטונג פון דער פּיאָנערן־פּרעסע איז זייער אַ וויכטיקע אַרבעט באַ די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּעס פון דער גאַנצער וועלט. דורך זייערע צייטונגען און זשורנאַלן פירן די קינדער־גרופּעס דורך אַן אַגיטאַציע צווישן די איבעריקע קינדער, ציען זיי אַריין אין זייערע רייען. אויך די קינדער־גרופּעס אַליין פאַרבינדן זיך דורך די זשורנאַלן נע־ענטער איינע מיט די אַנדערע, טיילן זיך מיט דער דערפאַרונג פון דער אַרבעט.

די פּיאָנערן־זשורנאַלן און צייטונגען ווערן זייער ברייט פאַרשפּרייט. אין אַלע לענדער צעגייען זיי זיך אין אַ גרעסערער צאָל פון דער אָרטיקער צאָל פּיאָ־נערן. אין איינגלאַנד, צום ביישפּיל, איז פּיאָנערן פאַ־ראַן 3.000 און דער זשורנאַל צעגייט זיך אין 4.000 עק־זעמפּלאַרן. דאָסזעלביקע אויך אין אַנדערע לענדער. דאָס באַווייזט, אַז דורך זייערע זשורנאַלן פאַרכאַפּן

די פּיאָנערן אונטער זייער ווירקונג אַסאַך ניט אָרגאַ־ ניזירטע קינדער.

איצט דערשיינען פּיאָנערישע זשורנאַלן אין 9 לענדער (כוץ פּ. ס. ר. ר.). דאָס אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן זיי איז גאָר ניט קיין לייכטע זאַך.

מע פארמאכט די צייטונגען

אין פינלאנד, צום ביישפּיל, האָט די רעגירונג פאַר־ מאַכט דעם זשורנאַל פון די קינדער־גרופּעס „רויטע פאָן". מיט גרויס מי האט זיך דערנאָך איינגעגעבן אַרויסצולאזן דעם זשורנאַל, ווייל די קאַפּיטאַליסטן, די אייגנטימער פון די דרוקערייען האָבן זיך אפּגע־ זאָגט צו דרוקן אים.

אין באלגאַריע, אין עסטלאַנד, אין דאָרעם־סלאוויע זיינען אויך פאַרמאַכט די פּיאָנערישע זשורנאַלן.

אין עסטרייך און אין טשעכא-סלאוואקיע איז פאַר־ באָטן צו פארשפּרייטן די פּיאָנערישע אויסגאבעס. די פּאָליציי קאָנפיסקירט די אויסגאבעס, וואס ווערן אהער געבראכט פון דייטשלאנד.

אין דייטשלאנד האָט די רעגירונג סאָף 1923 יאָר פארמאכט דעם פּיאָנערן־זשורנאל „יונגער־כאווער" (איצט הייסט ער „יונגער ספּארטאק"). אָבער די כעוורע האָבן ארויסגעלאָזט איין זשורנאל־נומער אין אונטערערד. אין דער צייט גראד האָבן זיי בא־ קומען געלט, וואָס סע האָבן צונויפגענומען די יונגע לענינער פון כארקאוו. פאר אָט דעם געלט האט

מען ארויסגעלאָזט דעם זשורנאַל. א טייל נומערן, עמעס, האָט פארכאַפט די פּאָליציי, נאָר די איבעריקע איז געלונגען צו פארשפרייטן. היינט דערשיינט דער זשורנאַל ווידער פראַנק און פריי. א געוויסע צייט פלעג ער זיך דרוקן אין דער שווייץ, קעדיי די פּאָ־ליציי זאָל אים ניט פארכאַפּן.

מע לאָזט ניט פאַרשפּרייטן

אויב אַפילע סע געלינגט ארויסלאָזן דעם זשורנאַל, נעמט די פּאָליציי אָן אלע מיטלען אף צו שטערן זיין פארשפרייטונג (אין אַמעריקע אין פינלאַנד אין דייטשלאַנד, אין עסטלאַנד, אַרעסטירט אָפט די פּאָ־ליציי די קינדער פאר פארשפרייטן די זשורנאַלן. די פארכאַפּטע זשורנאַלן ווערן פארניכטעט).

אין די שולן רוידעפט מען

אין דייטשלאַנד פארפאָלגן די לערער אין די שולן דעם פּיאָנערן־זשורנאַל.

אין איין שול האָט דער לערער פאר דער לעקציע באַמערקט בא איינעם פון די שילער דעם „יונגן באוועך"

— אַנו, ווייז נאָר אהער דעם זשורנאַל!

ער האָט צוגענומען דעם זשורנאַל און אים אריינ־געלייגט אין קעשענע. דער שילער האָט געזאָגט:

— אויב איר ווילט נעמען דעם זשורנאַל איז באַ־צאָלט מיר פאר אים.

דער לערער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט און האָט דערנאָך איבערגעגעבן דעם זשורנאַל דעם שול־דירעקטאָר. דער דירעקטאָר האָט ארויסגערופן דעם שולדיקן שילער און אים דערקלערט:

— זאָלסט מער ניט וואגן צו ברייננגען דעם זשורנאל אין שול אריין!

— אָבער ס׳איז דאָך אן אוולע... אַלס ענטפער האָט דער כאוועד באקומען פונם דירעקטאָר אַ פאטש.

שטענדיק, ווען די לערער דערזעען דעם זשורנאל אין שול, ווערן זיי ווילד צעקאעסט. דעריבער קומט אויס די דייטשישע כאוויירים געהיים ברייננגען דעם זשורנאל און געהיים פארשפרייטן אים. ניט קוקנדיק דערויף, ווערט דער זשורנאל זייער גוט פארשפרייט אין די שולן.

דעם עמעס האָט מען ניט ליב

ס׳איז פארשטענדלעך, פארוואָס די פּאָליציי און די לערער רוידעפן די פּיאָנערן־זשורנאלן. אין די זשורנאלן באשרייבן דאָך די פּיאָנערן אלע רעדיפעס, רופן צום קאמף מיט דער פּאָליציי און מיט די לע־רער. אסאך פון דעם, וואָס איז אנגעשריבן אין אָט דעם ביכל, האָבן מיר גענומען פון פּיאָנערישע בריוו, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט אין די זשורנאלן.

אין אָט די בריוו ווערט באשריבן די אַרבעט פון די קינדער־גרופּעס, דער קאמף מיט דער פּאָליציי

און מיט די לערער. אין די דערציילונגען רעדט זיך וועגן קאָמוניזם און וועגן קאמף פאר אים. אין די קאריקאטורן מאכט מען כויזעק פון די קאפיטאליסטן און פון די לערער.

די לערער און די פּאָליציי האָבן דעם עמעס ניט ליב. דעריבער פארפאָלגן זיי באזונדער אכזאָריעסדיק די זשורנאלן.

זיבעטער שמועס

צווישנפעלקערלעכע פאַרבינדונג

די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּעס פון אַלע לענ־דער מיען זיך אונטערצוהאַלטן די פאַרבינדונג איינע מיט דער אַנדערער, געדיינקענדיק, אַז אַלע פּיאָנערן זיינען איין פאַמיליע. די פּיאָנערן זיינען שטענדיק גרייט צו העלפן זייערע כאַווערים מיט אַלעס מעג־לעכס.

הילף פאַר רוסלאַנד

מיט גרויס ליבע באַציען זיך די קינדער־גרופּעס צום ראַטנפאַרבאַנד. זיי ווייסן, אַז דאָ האָבן די אַרבעטער שוין געקראָגן די פרייהייט, אַז בא דער אַרבעטער־מאַכט אַרבעטן אויך די פּיאָנערן פריי.

די פּיאָנערן פון אַלע לענדער מיען זיך א ביי־שפּיל אָפּצונעמען פון די פּיאָנערן אין די ראַטן־רע־פּובליקן. אין דערזעלבער צייט זיינען זיי שטענדיק גרייט צו העלפן זיי.

אָט די גרייטקייט האָט זיך שארף ארויסגעוויזן אין יאר 1921, ווען ס׳איז בּאַ אונז געווען דער הונ־גער. קינדער־גרופּעס איז נאָך דעמאָלט געווען גאָר ווייניק, דאָך האָבּן זיי זיך געאיילט מיטצוהעלפן די הונגערנדיקע רוסישע קינדער.

אין אמעריקע האָט זיך צוליבּ אָט דער הילף אָר־גאניזירט די ערשטע קאמוניסטישע קינדער־אָרגאני־זאציע פון „רויטע אויסשפּירער".

אין איטאליע האָבּן די קינדער אין א קורצן מע־שעך צייט צונויפגעזאמלט אסאך געלט. פאר אָט דעם געלט האָט מען איינגעקויפט שפּייז און מ׳האט עס אוועקגעשיקט קיין רוסלאנד.

גאנצע צוגן מיט שפּייז, וואָס קינדער האָבּן איינ־געקויפט, זיינען געגאַן אויך פון דער שווייץ.

ניט אָפּגעשטאנען זיינען דאָ אויך די קינדער פון טשעכאָ־סלאוויע. זיי זיינען ארומגעגאנגען אין די קלובּן, אין די טעאטרן, אין די הויפן און האָבּן גע־רופן די אַרבּעטער מיטצוהעלפן די הונגערנדיקע רו־סישע בּרידער.

שיפן מיט שפּייז האָבּן זיך אַ לאָז געטון אויך פון דייטשלאנד. דאָ האָבּן באַזונדערס גוט געארבּעט די קינדער־גרופּעס.

אף די געלט־מיטלען, וואָס ס׳האָבּן צונויפגעזאמלט די קינדער־גרופּעס פון דייטשלאנד. שווייץ און טשע־כאָ־סלאוויע איז אין טשעליאבּינסק (אין ראטן־רוס־לאנד) געעפנט געווארן א קינדער־הויז אין נאָמען פון קארל ליבּקנעכט. בּעאייסן הונגער האָט דאָס הויז

געלעבט אף די געלט־זאַמלונגען, וואָס ס׳האָבן דורכ־געפירט די כאַווייִרים פון די איבעריקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אנשטאט רעליגיע-לימוד—הילף פאר די הונגערנדיקע

אין דייטשלאנד פלעגן די שילער אין די שולן אָפט מעלדן זייערע לערער:

— איר האָט אונז געזאָגט, אז מע דארף ליב האָבן די נאָענטע. איז אָט ווילן מיר אנשטאט רעליגיע־לימודים ארבעטן פאר די רוסישע הונגערנדיקע קינ־דער.

און זיי האָבן גענייט קליידער, געמאכט פארשיי־דענע זאכן אף צו פארקויפן לטובת די הונגערנ־דיקע.

הילף פאר דייטשלאנד

אין הארבסט 1923 האָבן ארבעטער־קינדער פון דייי־טשלאנד געהונגערט. ס׳האָט דאָרט געהערשט א שרעק־לעכער יאקרעס, די קינדער פלעגן וואָכנלאנג ניט פארזוכן קיין געקעכטס, זיי האָבן ניט געהאט קיין וואַרעם אנטון אף ארויסצוגיין אין גאס אריין.

אין אלע לענדער האָבן די פּיאָנערן אָנגעהויבן דורכפירן זאמלונגען לטובת די דייטשישע כאַ־ווייִרים.

אסאך געלט האָבן צונויפגעזאמלט די קינדער-גרו־פּעס פון פראנקרייך. פון דער שווייץ האָבן די קינדער צוגעשיקט אסאך שפייז. דאסזעלבע אויך פון אנדערע לענדער.

אונזער הילף

די פּיאָנערן פון די ראטן־רעפּובליקן האָבן זיך גאָר ווארעם אָפּגערופן אף דער שווערער לאגע פון די דייטשישע כאווערים.

אין די שטעט און דערפער, אומעטום, וואו ס'זיינען געווען פּיאָנערן, האָט מען דורכגעפירט די קאָמ־פּאניע פון הילף פאר דייטשלאנד. מ'האָט איינגע־אָרדנט פושקע־זאמלונגען, ספּעקטאקלען, מ'האָט אויסגעארבעט קאָלערליי זאכן אף צו פארקויפן. דאָס צונויפגעזאמלטע געלט פלעגט מען ארויסשיקן קיין דייטשלאנד.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז פאר א טייל פונם געלט, וואָס איז צונויפגענומען געוואָרן דורך די כאר־קאָווער פּיאָנערן, ארויסגעלאָזט געוואָרן אין דייטש־לאנד איין נומער פון זשורנאל „יונגער כאווער". אף דער הילע פונם זשורנאל איז געווען אָפּגעדרוקט: „אָט דער נומער איז א יאָנטעוו־מאַטאָנע די דייטשישע אר־בעטער־קינדער פון די יונגע ספּארטאקער אין כאר־קאָוו" (די פּיאָנערן אין אוקראינע האָבן דעמאָלט גע־הייסן ספּארטאקער). אויך היינט שיקן עטלעכע פּיאָנערן־מאכנעס געלט־הילף פאר די דייטשישע כאווערים

בריוו, לעבעדיקע פארבינדונג

אָט אזוי העלפן די קינדער־גרופּעס שטענדיק איינע דער צווייטער. זיי האלטן אויך אונטער צווישנאנאנד די שריפטלעכע פארבינדונג. צום ביישפּיל, בא אונז אין דער צייטונג „יונגער לענינער“, אין די זשור־נאלן „פּיאָנער“ און „באַראַבאַן“ ווערן אָפט געדרוקט בריוו פון די קינדער־גרופּעס אין דייטשלאנד און אנ־דערע לענדער. אין דייטשישן זשורנאל ווערן געדרוקט (קימאַט אין יעדן נומער) בריוו פון אונזערע פּיאָנערן.

אף די קאָנפערענצן פון די קינדער־גרופּעס אין פארשיידענע לענדער געפינען זיך, געוויינטלעך, פאָרשטייער פון די פּיאָנערן פון אנדערע לענדער. אין 1923־טן יאָר זיינען אין דייטשלאנד געווען אויך פאָרשטייער פון די רוסישע פּיאָנערן.

פאָנען

אמאָל בייטן זיך צווישן זיך די פּיאָנערן פון באַ־זונדערע לענדער מיט זייערע פאָנען.

די מאָסקווער און כארקאָווער פּיאָנערן, צום ביי־שפּיל, האָבן געשיקט פאָנען די קינדער־גרופּעס אין דייטשלאנד. אין דעקאבער 1924 האָבן די דייטשישע פּי־אָנערן צוגעשיקט פאר די אוקראינישע א רויטע פאָן און קאָלערליי עמבלעמעס.

צום סאָף דארף מען נאך דערמאָנען, אז עטלעכע פּיאָנערן־מאכנעס אונזערע האָבן זיך פארבונדן מיט באזונדערע קינדער־גרופּעס פון מאירעוו־אייראָפּע.

זייער צווישנפעלקערלעכע איינקייט דעמאָנסט־רירן די קינדער־גרופּעס פון דער גאנצער וועלט אלע יאר בעאייס דער צווישנפעלקערלעכער קינדער־וואָך.

אכטער שמועס

ווי זײַנען אָרגאַניזירט און ווי אַרבעטן די קינדער-גרופּעס

אין אַלע לענדער אַרבעטן די קאָמוניסטישע קינ־דער־גרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיוג. באַם אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַצי־אָנאַל איז פאַראַן אַ צווישנפעלקערלעכע ביוראָ פון קינדער־גרופּעס, וואָס פירט אָן מיט דער אַרבעט אין אַלע לענדער.

אין אַ טייל לענדער זײַנען די קינדער־גרופּעס פאַראייניקט אין אַ פאַרבאַנד. אין דײַטשלאַנד איז אָר־גאַניזירט דער „פאַרבאַנד פון די יונגע ספּאַרטאַקער", אין פינלאַנד—דער פאַרבאַנד פון אָרגאַניזירטע אַר־בעטער־קינדער", אין אַמעריקע—„די סעקציע פון יונג־סטע באַם אַמעריקאַנער אַרבעטערשן יוגנט־פאַר־באַנד". אין דײַטשלאַנד און אין פינלאַנד האָבן די פאַרבאַנדן זייערע צענטראַלע קאָמיטעטן, וואָס ווערן אויסגעוויילט דורך צוזאַמענפאָרן. אין די צענטראַלע קאָמיטעטן גייען אַרײַן סײַ פּיאָנערן, סײַ קאָמיוגיסטן.

זיי ארבעטן אונטער דער אָנפירונג פונם קאָמיוגס צענטראַלע קאָמיטעטן.

יעדע קינדער־גרופּע אַרבעט אונטער דער אָנפי־רונג פון דער אָרטיקער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע. דער קאָמיוג טיילט אויס אָנפירער פאַר די קינדער־גרופּעס, טיילט אויס עלטערע כאַווירים, וואָס העלפן די פּיאָנערן דורכצופירן די אַרבעט. אין די גרופּעס געפינט זיך אַ פאַרשיידענע צאָל מיטגלידער—100־50.

צוזאַמענפאָרן

קימאַט אין אַלע לענדער ווערן אַלע יאָר איינגע־אָרדנט צוזאַמענפאָרן פון די קינדער־גרופּעס. אין דייטשלאַנד זיינען שוין פאָרגעקומען דריי אַלדיי־טשישע צוזאַמענפאָרן, עטלעכע צוזאַמענפאָרן, זיינען געווען אין פינלאַנד, געווען אויך צוזאַמענפאָרן אין דער שווייץ, אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער. כוץ די אַלגעמיין־מעלוכישע צוזאַמענפאָרן, ווערן אויך איינגעאָרדנט קאָנפערענצן, לויט באַזונדערע קאַנטאָנען.

אויף די צוזאַמענפאָרן ווערן באַהאַנדלט פאַרשיי־דענע פראַגן פון דער קינדער־באַוועגונג, ס׳ווערט דורכגערעוויד׳ירט די דורכגעפירטע אַרבעט, ס׳ווערט אָנגעצייכנט די ווייטערדיקע אַרבעט. די פּאָרטראַגן לייענען, געווינטלעך, די פּיאָנערן אַליין. זיי אַליין טאַקע, אַן דער הילף פון די דערוואַקסענע, פירן דורך די זיצונגען פון די צוזאַמענפאָרן.

אזוי זײַנען אָרגאַניזירט די קינדער־גרופּעס. וואָס פאַר אַן אַרבעט פירן זיי דורך אויסער דער אַרבעט, וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט?

גרופּעס-פאַרזאַמלונגען

איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך אָרדנען איין די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּעס זייערע פאַרזאַמ־לונגען אין די לאָקאַלן פון די שולן, אין די אַרבע־טער־קלובן אָדער אויף דער פרייער לופט (זומער).

אויף די פאַרזאַמלונגען ווערן דורכגעפירט פאַרשיי־דענע שמועסן. די מיטגלידער פון דער גרופּע דער־ציילן דאָ וועגן דער אַרבעט אין שול, וועגן די צו־זאַמענשטויסן מיט די לערער, מיט די פּאָליציאַנטן. דערנאָך כאָזערט מען רעוואָלוציאָנערע לידער, סווערן דורכגעפירט שפּילן. אָפט אַרבעטן אויס די פּיאָנערן נאָך דער פאַרזאַמלונג פאַרשיידענע זאַכן אָדער צום פאַרקויפן,—לעטויוועס די הונגערנדיקע, אַ שטייגער,— אָדער דאַס גרייטן זיי זיך צו אַ פאָן, פּלאַקאַטן, עמ־בלעמעס.

זייער אָפט רעדט מען אויף די פאַרזאַמלונגען וועגן ראַטן־רוסלאַנד, מע רעדט וועגן צוקונפטיקן לעבן באַם קאָמוניזם. די קאָמיוגיסטן דערציילן וועגן דעם לעבן פון די רעוואָלוציע־קעמפער.

אויף אַט־די פאַרזאַמלונגען ווערט פאַנאַנדערגע־טיילט די אַרבעט צווישן די גרופּע־מיטגלידער: מע דאַרף זיך צוגרייטן צו אַ דעמאָנסטראַציע, מע דאַרף

גיין פאַרשפרייטן דעם זשורנאל, פארקויפן עמבלעמעס לעטויוועס די אַרעסטירטע רעוואלוציאָנערן א. א. וו.

שפּאַצירן

זומער אָרדנען די קינדער־גרופּעס איין שפּאַציר־גאנגען אויסער דער שטאָט.

די שפּאַצירגאנגען ווערן איינגעאָרדנט קעדיי פּאָשעט אָן אָטעם צו טון מיט פרייער לופט, אמאָל דורכפירן א שמועס, און אויך מיט בילדונג־צוועקן: זיך באַקענען מיט א געוויס ארט, מיט די געוויקסן א. א. וו. די שמועסן ווערן געווײנטלעך דורכגעפירט בעאייס קאָלערליי שפּאַצירן.

אין דייטשלאנד ווערן איינגעאָרדנט אזויגערופענע „רויטע שפּאַצירן“. איינגעאָרדנט ווערן זיי אָפּט אף עטלעכע טעג. די גרופּע זאמלט צונויף געלט, שפּייז און לאָזט זיך אוועק אף א קליינעם שפּאַציר. רויטע הייסן אט־די שפּאַצירגאנגען דערפאַר, וואָס די כעוורע ניט נאר שפּאַצירן און באַטראַכטן די נאַטור,—זיי אגי־טירן, אָרגאַניזירן אין די דערפער נייע גרופּעס

יאַנטויוועם

די קינדער־גרופּעס אָרדנען אויך איין יאָנטויוועם אייגענע (אוונטן). אף די יאָנטויוועם ווערן אומבא־דינגט איינגעלאַדן אויך די עלטערן.

אף אָט די אוונטן דעקלאַמירן די פּיאָנערן רעוואָלו־ציאָנערע לידער, זינגען לידער, שטעלן ספּעקטאַקלען.

זומער אָרדענען איין די קינדער־גרופּעס זייערע יאַנטויוויים אויסער דער שטאָט, אויף דער פרייער לופט. אויך מיצאַד דער פּאָליציי דראָט אויסער דער שטאָט א קלענערע געפאַר. אַזעלכע אויסער־שטאָט־שפּאַצירן ווערן, צום ביישפּיל, איינגעאָרדנט אין דער שווייץ. נאָך די שפּאַצירן אינאַוונט קערן זיך די קינדער אום אין שטאָט אַריין מיט לידער און מיט פאַקעלן.

נײַנטער שמועס

די צווישנפעלקערלעכע קינדער-וואָך

יעדער יאָר, זומער צײַט, פירן דורך די קאָמוניס־טישע קינדער־גרופעס פון גאָר דער וועלט זייער צווישנפעלקערלעכע קינדער־וואָך. אין 1926־טן יאָר ווערט אַט די וואָך דורכגעפירט דאָס פינפטע מאָל.

צוליב וואָס ווערט דורכגעפירט די וואָך

בעת דער צווישנפעלקערלעכער וואָך דעמאָנסט־רירן, באַווײַזן די קינדער־גרופעס זייער אײניקײט אין דער גאַנצער וועלט באַווײַזן, אַז די פיאָנערן פון דער גאַנצער וועלט זײַנען איין מישפּאָכע. אין אַלע לענדער ווערן אײַנגעאָרדנט יאַנטויוועס, דעמאָנסטראַציעס. די קינדער־גרופעס מיען זיך צו שאַפן פאַרבינדונג מיט די כאַווײרים פון אַנדערע לענדער.

כוצדעם, איז די צווישנפעלקערלעכע קינדער־וואָך אַ וואָך פון אַגיטאַציע פאַר דער קינדערשער קאָמוניס־

טישער בּאַוועגונג. אין אַט דער וואָך דערקלערן די פּיאָנערן פאַר די דערוואַקסענע און פאַר די קינדער דעם בּאַטייט פון דער קינדער־בּאַוועגונג, זיי בּאַווייזן זייער אַרבּעט, זיי זעען אַרייַנציִען אין די אייגענע רייען די נאָך ניט אָרגאַניזירטע קינדער.

די ערשטע וואָך

די ערשטע צווישנפעלקערלעכע קינדער־וואָך איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1921־טן יאָר. בּאַזונדערס גוט איז זי דורכגעגאַנגען אין דייטשלאַנד.

ס'זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן ספּעציעלע קאַרט־לעך, בּילדער, מאַרקעס, צייטונגען, פּלאַקאַטן. אין מעשעך פון דער וואָך האָט מען פאַרקויפט אַסאַך קאָמוניסטישע ליטעראַטור. די קינדער זיינען אַרומ־געגאַנגען אין די הויפן, וואו ס'וואוינען אַרבּעטער, האָבּן דאָרט צונויפגעזאַמלט די קינדער און דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען. זיי זיינען אויך אַרויסגעפאָרן אין די דערפער אַרייַן אַף דורכצופירן די וואָך.

אין בּערלין, איז בּעאַייס די קינדער־אָרגאַניזאַציעס האָבּן דעמאָנסטרירט אייַניינעם פון די ראַיאָנען, איז די פּאָליציי אָנגעפאַלן אַף אונזערע כאַווייִרים. אַסאַך פון זיי האָט מען אַרעסטירט. אין אַנדערע פּונקטן פון דייטשלאַנד האָט די פּאָליציי קאָנפיסקירט דעם קינדער־זשורנאַל, וואָס איז געווידמעט געווען דער וואָך. אין אַסאַך שטעט האָט מען אַרעסטירט די קינ־דער פאַר פאַרשפּרייטן דעמדאָזיקן זשורנאַל.

די קינדער־גרופּעס פון אנדערע לענדער האָבן אויך דורכגעפירט אָט די וואָך.

אין איינגלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך האָבן די אַר־בעטער־קינדער איינגעאָרדנט יאָנטויווים, פאַרשפּרייט ליטעראַטור.

גוט איז דורך די וואָך אויך אין טשעכאָ־סלאַוויע. די קינדער האָבן זיך היציק גענומען דורכצופירן זי, האָבן אַסאַך אַגיטירט. די פּאָליצײ האָט פאַר דער וואָך קאָנפיסקירט אַלע זשורנאַלן און דעם איבעריקן מאַטעריאַל, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן פון דייטש־לאַנד, און האָט עס אומגעקערט ערשט דאַן, ווען די וואָך האט זיך שוין פאַרענדיקט. אבער נאָך פריער, איז באַצייטנס די ליטעראַטור געשיקט געוואָרן דורך אַן אנדער וועג.

די צווייטע וואָך

אין 1922־טן יאָר איז דורכגעפירט געוואָרן די 2־טע צווישנפעלקערלעכע וואָך. ווען איר האָבן שוין גע־וואוסט די קינדער־גרופּעס פון דער גאַנצער וועלט, האָבן זיך צו איר געגרייט און זי גוט דורכגעפירט.

דאָס ערשטע מאָל האָט מען אין 1922 יאָר דורכ־געפירט די וואָך אויך בא אונז אין מאָסקווע.

די דריטע וואָך

צו דער דריטער צווישנפעלקערלעכער וואָך (אין 1923) האָט זיך שוין די קינדער־באַוועגונג פאַר־

שפּרייט אין דער גאַנצער וועלט. די קינדער־גרופּעס האָבן זיך פאַרשטאַרקט, דעריבער איז די וואָך דורך זייער אָרגאַניזירט.

די פּאָליצײ האָט אָבער נאָך מער גענומען פאַרפאָלגן די קינדער־גרופּעס. בעאַיס דער צווישנפעלקערלעכער וואָך האָבן די פּאָליציאַנטן אין פיל ערטער פאַנאַנדערגעטריבן די דעמאָנסטראַציעס.

אלע קויכעס קעגן די פּיאָנערן

אָט ווי אַזוי, צום ביישפּיל, ס'איז דורך אין בערלין די דעמאָנסטראַציע בעאַיס דער צווישנפעלקערלעכער וואָך.

א טאָג פאַר דער דעמאַנסטראַציע האָט מען צום צענטער שטאָט, קעדיי צו פאַרהיטן די בורזשואַזע ראַיאָנען, צונויפגעצויגן שטאַרקע פּאָליצײ־אָפּטיילן. אויף דער הויפּט־גאַס האָט מען אופגעהאַנגען א גרויסן פּלאַקאַט מיט אַן אויפשריפט: „אכטונג: דורכגאַנג פאַרבאָטן“, בא אלע ראָגן זיינען געשטאַנען פּאָליצייאישע קייטן. באוואָפנטע אָפּטיילן זיינען ארומגעפאָרן איבער דער שטאָט אויף אויטאָמאָבילן, אין עטלעכע ערטער זיינען געשטאַנען קוילנוואַרפער.

מ'האָט געקאָנט מיינען, אז ס'גרייט זיך א באוואָפנטער אופשטאַנד. אָבער געווען איז עס דאָך ניט מער און ניט ווייניקער ווי א קינדער־דעמאָנסטראַציע,— די דייטשישע רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַר איר.

די דעמאָנסטראַציע איז אין אַלגעמיין דורך בע־שאָלעם, ווייל זי איז דורכגעפירט געוואָרן אין די אַרבעטער־ראַיאָנען. בלויז אין איין ראַיאָן האָבן די פּאָליציאַנטן צעטריבן די קינדער, אָפּגענומען די פּלאַ־קאַטן און עטלעכע פּאַרשוין אַרעסטירט.

די וואָך אין פ. ס. ר. ר.

אין ראַטן-פאַרבאַנד איז די 3־טע צווישנפעלקער־לעכע וואָך שוין געפייערט געוואָרן קימאַט אין אַלע שטעט. דאָס ערשטע מאָל איז אין 1923־טן יאָר גע־פייערט געוואָרן די וואָך אויך אין אוקראַינע. אין אַלע שטעט און דערפער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן יאָנ־טויווים, דעמאָנסטראַציעס. אף די אַרבעטער־פאַרזאַמ־לונגען האָט מען געלייענט פּאָרטראַגן וועגן דער קינדער־באַוועגונג. אַסאַך ניט אָרגאַניזירטע קינדער זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין די פּיאָנערישע רייען.

די 4-טע וואָך

אין 1924 איז דורכגעפירט געוואָרן די 4־טע צווי־שנפעלקערלעכע וואָך. זי איז דורך מיט גרויס ער־פאָלג, ווי די דריטע.

אין איינגלאַנד איז די וואָך דורך זייער געלונגען. אין לאָנדאָן (דער הויפּטשטאָט) איז איינגעאָרדנט געוואָרן א גרויסע דעמאָנסטראַציע. אין א צווייטער שטאָט—מאַנטשעסטער—האָבן די קינדער־גרופּעס די־

גאנצע וואָך גוט אגיטירט. די אָרטיקע בורזשואזע צייטונגען האָבן לאנג און שטארק געזידלט פאר אָט דער וואָך די „קליינינקע רויטע אגיטאטאָרן“. קימאט אין אלע גרופּעס האָט זיך פארגרעסערט די צאָל מיטגלידער.

אין דייטשלאַנד האָבן אסאך גרופּעס איינגעאָרדנט דעמאָנסטראציעס הינטער דער שטאָט, קעדיי אויסצומיידן צוזאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי. דאָך איז עס זיך אָן צוזאמענשטויסן ניט באגאנגען. די פּאָליציאנטן האָבן פארבאָטן זינגען לידער, טראָגן רויטע פאָנען א. א. וו. געוועזן פאַלן, ווען מ׳האָט געשלאָגן די פּיאָנערן און ארעסטירט די קאָמיוגיסטן.

בּרייט איז דורכגעפירט געוואָרן אָט די וואָך אין די ראטן־רעפּובּליקן. זי איז געווידמעט געוועזן דער פארבּינדונג מיט די דייטשישע כאוויירים, דער צוגויפשליסונג מיטן דאָרף, דעם אריינציען די ניט־אָרגאניזירטע קינדער, דעם באקאָנען די ארבּעטער מיט דער קינדער־באוועגונג. נאָך דער וואָך האָט זיך די צאָל פּיאָנערן אונזערע זייער פארגרעסערט.

צענטער שמועס

אונזערע סאָנים

די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּע אין מאַירעוו־איי־ראָפּע פאַרמאָגן סאָנים אויך צווישן די קינדער.

דאָס זיינען די פאַרשיידענע בורזשואזע קינדערשע אָרגאַניזאַציעס.

די קליינע פאַשיסטן

אין פינלאַנד, צום ביישפּיל, אָרגאַניזירן די פאַ־שיסטן קינדערשע מאַכנעס און רייצן זיי אָן אַף די קאָמוניסטישע גרופּעס. די קליינע פאַשיסטלעך קריגן אפילע געווער.

די רעגירונג העלפט מיט אָט די אָרגאַניזאַציעס, גיט זיי לאָקאלן, געלט און דאס גלייכן.

פונקט אזעלכע פאַשיסטישע קינדער גרופּעס זיי־נען דאָ אויך אין איטאליע. דאָרטן הייסן זיי „באַלילאַ“.

אין די טאַקאָנעס פון דידאָזיקע גרופּעס ווערט גע־זאָגט, אַז זיי „זיינען אַ פּרייווילליקע מיליציע, וואָס דינט בא דער פאמיליע, באם פאָטערלאנד און בא גאָט“.

דאָס הייסט, אַז די בורזשואזיע לערנט, געוויינט צו אירע קינדער פון קינדווייס אָן צום קאַמף מיט די ארבעטער.

די מיטגלידער פון דער גרופּע „באלילאַ“ טראָגן שוואַרצע העמדלעך.

זיי לערנען זיך באַנוצן געווער,

אָפט פאַלן זיי אָן אַף די אַרבעטער־קינדער, אראָפּ־נעמענדיק אַ ביישפּיל פון זייערע עלטערן.

פאַראַן פאשיסטישע קינדער־גרופּעס אויך אין דייטשלאַנד און אין אנדערע לענדער.

סקאַוטן

אָבער די שטאַרקסטע בורזשואזע קינדער־אָרגא־ניזאַציעס זיינען די סקאַוטן.

די סקאַוטן־אָרגאַניזאציעס זיינען דאָרטן אין אלע לענדער. זיי פאַרייניקן מיליאָנען קינדער. „דער סקאַוט איז טריי דעם קעניג, די עלטסטע, די עלטערן, דעם פאָטערלאַנד און די באַלעבאַטים“ — אזוי הייסט דאס סקאַוטן־געזעץ. און זיי גרייטן זיך די גאַנצע צייט צו באַשיצן די בורזשואזיע און צו קעמפן מיט די ארבעטער.

בעאייס דער מילכאמע האבן אַסאַך סקאַוטן אַנ־טייל גענומען אין איר. אונטערוואקסנדיק, ווערן זיי פאשיסטן און, פארשטייט זיך, אז זיי זיינען פארבי־טערטע סאָנים פון די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּעס. די רעגירונג, וואס רוידעפט די יונגע פיאָנערן, שטיצט די בורזשואזע ארגאניזאציעס מיט אלע מיטלען.

די סקאַוטן און די אַרבעטער-קינדער

אין די סקאַוטישע רייען געפינען זיך די קינדער פון קאַפּיטאַליסטן. דאָך איז ניט ווייניק פאַראַן אין זיי אויך אַרבעטער־קינדער.

די סקאַוטן ציִען צו די אַרבעטער־קינדער מיט זייערע שפּילן, מיט זייער שיינער אוניפאָרם, מיט זייער לאַגער־לעבן און א. וו.

זיי האָבן אַסאַך זשורנאַלן, וואָס ווערן אינטערעסאַנט צונויפגעשטעלט. דעריבער פאַלן אַמאָל אַריין די אַרבעטער־קינדער אין די סקאַוטישע רייען.

קאַמף מיט די סקאַוטן

די קאָמוניסטישע קינדער־גרופּעס פירן אַ קאַמף מיט די סקאַוטן און מיט אַלע אַנדערע בורזשואַזע קינדער־אָרגאַניזאַציעס, מיענדיק זיך אַריבערצוציִען אויף זייער זייט יענע אַרבעטער־קינדער, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין אָט די אָרגאַניזאַציעס.

אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע האָט אַ גרויסער טייל סקאַוטן באַשלאָסן צו אַרבעטן אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיוג. זיי האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן: „ספּאַרטאַקער אַרבעט־סקאַוטן“.

אין נאָרוועגיע האָט אויך אַ היפּשע גרופּע אָפּגעטיילט זיך פון די בורזשואַזע סקאַוטן און זיך אַ נאָמען געגעבן „רויטע סקאַוטן.“

זיי פירן דורך אַ קימאַט קאָמוניסטישע אַרבעט, גיבן אַרויס זייער אַ זשורנאַל „פּיאָנער“.

די פּאָליציי האָט אַרעסטירט זייער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן דעם באַשלוס אָפּצוטיילן זיך, און האָט אָפּגעהאַלטן אַלע דעלעגאַטן עטלעכע כאָדאָשים אין טורמע.

אַט אַזוי שאַפן די אַרבעטער־קינדער אין דער גאַנצער וועלט זייערע קאָמוניסטישע גרופּעס, אַט אַזוי קעמפן זיי פאַר קאָמוניזם.

דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיגן, וועט זיך דער־שלאָגן צום קאָמוניזם. די יונגע פּיאָנערן וועלן מיט־העלפן צו דערגרייכן דעם ניצאָכן, וועלן צוגרייטן זיך צום בויען דאָס קאָמוניסטישע לעבן.

די יונגע פּיאָנערן פון די ראַטן־רעפּובליקן גייען באַנאַנד מיט די קאָמוניסטישע גרופּעס פון דער גאַנצער וועלט אונטער דער רויטער פאָן פון קאָמו־ניזם.